STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05416

ADOLF HITLER

Sh. Kelson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. קעלסאָן

אַדאָלף היטלער
דער פֿאַלנדער שטערן

(מיט אַ בילד)

פֿאַרלאַג „גראָשן-ביבליאָטעק"

וואַרשע 1932

SZ. KELSON

ADOLF HITLER

DRUKARNIA MONOLIT
Ogrodowa 1, Telefon 701-92

*

„לאָמיר מאַכן פּאַר סריסים אַלע יידישע יונגעלייט און אָנשטעקן מיט ווענערישע קראַנקהייטן אַלע יידישע טעכטער!“, „יודאַ פּעררעקע!“, „הייל היטלער!“ — אויף די גאַסן פון דייטשע שטעט פאַלן יידנפיינטלעכע אויסרופן און צעווילדעוועטע יונגען באַלן אָן אויף יידן און שענדן יידישע בית־עלמינס. און אָט דערהערן זיך טענער פון אָפיציעלן הימן פון היטלערס שטורם־אָפּטיילונגען:

„שוין שטייט די שטורם־קאָלומנע
צום מאַסן־קאַמף באַרייט.
עס מוזן יידן בלוטיקן,
ערשט דאַן זענען מיר באַפרייט“.

אַ נייע גיגאַנטישע כוואַליע פון באַרבאַרישקייט און מיטלאַלטערטום האָט פאַרפלייצט די דייטשע ערד און דראָט מיט אַ חורבן און פאַרוויסטונג גאַנץ אייראָפּע. בלוט און פאַרניכטונג ברענגט זי מיט זיך. און אויף איר שפּיץ שטייט אַ מענטש, וואָס ביז נישט לאַנג איז ער געווען אַ גרויער מאַסןמענטש און וואָס האָט באַוויזן פון שנאה און מענטשלעכער נויט אויסצושמידן פאַר זיך אַ לעגענדאַרישע און אומגלויבלעכע קאַריערע.

„אַדאָלף היטלער! טאָג־איין, טאָג־אויס שרייט אַראָפּ פון די צייטונגס־שפּאַלטן דער דאָזיקער נאָמען, שרייט אַראָפּ ווי אַ שרעקלעכע דראָאונג, ווי אַ גרויזאַמע קללה. „הייל היטלער!“ — און עס ווערן געשלאָגן יידישע פאַרבייגייער, געראַבירט יידישע קראָמען, געשענדעט יידישע בית - עלמינס. „הייל היטלער!“ — און עס גיסט זיך איבער די גאַסן פון

דייטשע שטעט און שטעטלעך ארבעטער־בלוט, צענדליקער און הונדערטער ארבעטער־לעבנס פאלן אונטער מערדערישע קוילן.

„הייל היטלער!“ — און אט הענגט ווידער איבער דער אויסגעמאטערטער אייראפע, וואס גייט אויס פון קריזיס און נויט, דאס שווידערלעכע געשפענסט פון א נייער וועלט־שחיטה, פון נייע מלחמות און בלוט־פארגיסונגען.

ווער איז ער, דער גרויער מענטש, וואס האט באוויזן צו מאביליזירן א ריזן־ארמיי פון 13 מיליאן שטימען? פון וואנען שעפט ער זיין כח, אט דער דאזיקער בלאסער און דורכשניטלעכער דייטשל, וועלכער האט נישט אין זיך קיין שום סימנים פון אינערלעכער, היסטארישער גרויסקייט, וועלכער באזיצט נישט, נישט די אינערלעכע קראפט פון א ביסמארק און אפילו נישט די עפעקטפולע דראמאטישקייט פון א מוסאליני, נאר לויטער גרויזאמקייט און ברוטאלקייט*).

נאר אין מוטנעם ים פון יאוש און ירידה פונם נאכמלחמהדיקן דייטשלאנד האט אזא איינער געקאנט דערגרייכן צו זיין איצטיקער מדרגה. אינם וועלט־היסטארישן געראנגל צווישן *נעכטן* און *מארגן*, וואס פלאקערט איצט איבער דייטשלאנד, האט זיך דער דאזיקער פארטיידיקער פון פינסטערן *אייערנעכטן* ארויפגעכאפט מיט דעמאגאגיע און טעראר אויפן זאטל און וויל מיט בלוט פארהאלטן די היסטארישע ראד.

זיכער, היטלער איז א פארבייגייענדיקע דערשיינונג, וואס וועט אפגעשוועכט ווערן פון דער אויבערפלאך פונם לעבן. אבער אפילו זיין צייטווייליקע גרויסקייט איז א פלעק אויף דייטשלאנדס געשיכטע. מ'מוז זיך באקענען מיטן לעבנס־וועג פונם דאזיקן מענטשן, כדי צו פארשטיין די טיפע געפאלנקייט און מפלה פון א גרויס פאלק, וואס האט ארויסגעגעבן געטע, קאנטן, און — גיפטיקע גאזן...

*) זע „גר.־ביבל“ נר. 65: „מוסאליני“ און נר. 71 „ביסמארק“.

דער ערשטער קאַמף

— אַדאָלף, טו נאָר אַ לויף נאָכן פּאָטער!

— שוין, מאַמע.

— אַן אומגליק מיט דעם דאָזיקן מענטשן. היינט האָט ער באַקומען פּענסיע און ליגט שוין, מסתמא, טויט־שיכור אין שענק. און מאָרגן וועט נישט זיין אויף ברויט. ווי איז צו מיין פינסטערן לעבן מיט אַזאַ מאַן!

דאָס 12־יעריקע יונגל האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער מוטערס יללות. ער איז שוין געווען צוגעוואוינט דערצו. יעדן שבת צו נאַכטס האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע. ער איז שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן און זיך געלאָזט דורך די פינסטערע גאַסן, דורכן מאַרק, צו דער שענק, וואָס האָט זיך געפונען האַרט נעבן דער גרענעץ.

אין שענק איז געווען לעבעדיק. אַדאָלפס פּאָטער, אַ דאַרער און נידריקער צאָל־באַאַמטער, וואָס האָט דערפילט זיין דינסט אויף דער עסטרייכיש־ביירישער גרענעץ, אינם גרענעץ־שטעטל ברוינאַו, איז געזעסן ביי אַ טיש איבער אַ גלאָז ביר און צוזאַמען מיט אַ פּאָר גוטע פריינט געזונגען אַ פרייילעך, הגם נישט גאַנץ אַנשטענדיק, לידל. דערזעענדיק דעם זון, האָט ער צו אים פריינטלעך אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אויסגערופן:

— אָ, מיין פּראָפעסאָר איז שוין געקומען! קום אַהער, אַדאָלף, וועסטו טרינקען אַ גלאָז ביר.

אָבער אַדאָלף האָט נישט געהאַט קיין חשק צו פאַרבלייבן מיטן פּאָטער. ער האָט געוואוסט, אַז זיין פּאָטער וועט באַלד זיך אָנהויבן צו באַרימען מיט זיין זון און אים שטעלן פאַרשידענע פראַגן, וויפיל איז זיבן מאָל ניין, אַכט מאָל זעקס א. אַ. וו. אַדאָלף האָט פיינט געהאַט די דאָזיקע פראַגן. דעריבער איז ער שנעל צוגעגאַנגען צום פּאָטער און אים פעסט

אָנגענומען אונטער די הענט. דער פאָטער האָט זיך פּרובירט אַנטקעגנשטעלן, אָבער סוף כל סוף האָט אַדאָלף אים גע־צוואונגען זיך אויפצושטעלן פון טיש און ביידע זענען אַרויס פון שענק, באַגלייט דורך אַן אַלגעמיינעם געלעכטער און שפּאָט־אויסגעשרייען.

אין דער היים האָט זיך ווייטער איבערגעחזרט אַ ווילדע אַוואַנטורע, מיט קולות און געוויין. ענדלעך איז דער פאָטער איינגעשלאָפן און די מוטער, אונטערכליפּענדיק אַ ביסל, האָט זיך געווענדעט צום יונגל מיט אַ לאַנגער דרשה:

— געדענק, אַדאָלף, זאָלסט נישט גיין אין דיין פאָטערס דרכים. זעסט דאָך, וואָס אַלקאָהאָל מאַכט פון מענטשן. דיין פאָטער איז אַ קליין מענטשל, אָבער דו מוזט זיין אַ גרויסער מענטש, פון וועלכן אונזער גאַנצע פאַמיליע זאָל זיין שטאָלץ. געדענק, אַדאָלף, דיין מוטערס ווערטער, זאָלסט קיינמאָל נישט טרינקען.

אַדאָלף האָט שוין לאַנג געהאַט געשלאָפן און די מוטער האָט נאָך אַלץ אַריינגערעדט אין אים און זיך באַקלאָגט אויף איר ביטער גורל.

געווען איז דאָס אין יאָר 1901. אַדאָלף איז דאַמאָלס אַלט געווען 12 יאָר, און דער פאָטער, וועלכער איז אַליין גע־ווען אַ קליינער עסטרייכישער צאָל־באַאַמטער, האָט געחלומט וועגן אַ גרויסער באַאַמטן־קאַריערע פאַר זיין זון. דעריבער האָט ער אים געשיקט אין דער רעאַל־שולע אין דערבייאיקן שטעטל לינץ און זיך ממש אָוועקגענומען דעם ביסן פון מויל, כדי צו געבן אַדאָלפן די געהעריקע בילדונג. ער האָט איינגע־רעדט דעם יונגל, אַז ער וועט זיין אַ גרויסער מענטש, אַ וויכ־טיקער עסטרייכישער באַאַמטער און זיך באַמיט צו וועקן זיין אַמביציע און גלויבן אין זיך, אַז ער איז אַן אויסדערוויילטער מענטש און אים שטייט פאַר אַ גלענצנדיקע צוקונפט.

אָבער אויף צו להכעיס דעם פאָטער, האָט זיך אַדאָלף נישט געוואָלט לערנען. די קאַריערע פון אַ באַאַמטן איז אים

גאַרנישט געפעלן געוואָרן. ער האָט ממש נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי קאָן מען דאָס זיצן איינגעבויגן איבערן שרייבטיש און וואַרטן יאָרן־לאַנג אויף אַן אוואַנס. דער דאָזיקער געדאַנק איז אים געווען אומדערטרעגלעך. און לערנען זיך האָט ער סתם נישט געוואָלט. ער האָט פשוט פיינט געהאַט די דאָזיקע מלאכה. צווישן זון און פאָטער זענען צוליב דעם אָפט פאָרגעקומען קריגערייען און סכסוכים, און נישט איינמאָל האָט דער פאָטער מיט אַ רימען געצוואונגען דאָס יונגל צו מאַכן זיינע לעקציעס און גיין אין שול. ס'האָט אָבער גאַרנישט געהאָלפן: אַדרבה איז געווען דער ערגסטער שילער אין קלאַס.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אויסערגעוויינלעכן מענטשן און האָט געחלומט וועגן אַ גרויסער קאַריערע. ער האָט געוואָלט זיין אַ גרויסער מיליטערמאַן און שפּעטער, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער באַזיצט געוויסע צייכענונגס־פעאיקייטן, האָט ער באַשלאָסן צו ווערן — אַ באַרימטער מאָלער. דאָס פרייע ציגיינער־לעבן פון אַ מאָלער, אָן פליכטן און סיסטעמאַטישער אַרבעט — אָט דאָס האָט אים געצויגן.

אַ געוויסן טאָג האָט ער דערקלערט דעם פאָטער, אַז ער וויל נישט זיין קיין באַאַמטער און וועט זיך מער נישט לערנען. אַ שאָד זיינע יונגע יאָרן! ער וויל זיין אַ פרייער מענטש, אַ מאָלער פון גאָטס גענאָד.

דער פאָטער האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר אויגן:

— משוגע ביסטו? — אַ מאָלער?! וואָס פאַרא תכלית איז דאָס פאַר אַ יונגל פון אַן אָנשטענדיקער פאַמיליע?...

און לסוף האָט ער בייז דערקלערט:

— ווי לאַנג איך לעב — נישט!

דאָס יונגל האָט איינגעשפּאַרט געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט געוואוסט, אַז ס'וועט נישט העלפן קיין וויינען און קיין בעטן. און ווידער האָט זיך געפירט אַ פאַרביטערטער קאַמף

צווישן פאָטער און זון. דער פאָטער האָט געבעטן מיט גוטן, האָט געשלאָגן, געוואָלט אויסוואָרצלען דעם אומפאַרשטענדלעכן אומווילן פון זיין זון צו דער לערע, — ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. אַדאָלף האָט זיך נישט געוואָלט לערנען.

ווען אַדאָלף איז אַלט געווען 13 יאָר, האָט זיך זיין ערשטער קאַמף פלוצלונג געענדיקט. אין 1902 איז זיין פאָטער געשטאָרבן אויף אַ האַרץ־אַטאַק און דאָס יונגל איז געוואָרן „פריי". קיינער האָט אים מער נישט געצוואונגען זיך צו לערנען און אַזוי אַרום האָט זיך געענדיקט די ווייסנשאַפטלעכע קאַריערע פונם „פירער פון דייטשן פאָלק".

נאָכן טויט פונם פאָטער האָט אַדאָלף באַשלאָסן צו פאַרווירקלעכן זיין חלום און זיך בילדן אַלס מאַלער. ער האָט געזאָלט פאָרן קיין ווין און אַריינטרעטן דאָרט אין דער קונסטאַקאַדעמיע. אַלץ איז שוין געווען גרייט צום אָוועקפאָרן, אָבער פלוצלונג איז אַדאָלפס מוטער קראַנק געוואָרן און נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק דאָס 16־יעריקע יונגל איינעם אַליין אויף דער וועלט.

ער איז געווען פריי. אין אַ שענעם פרימאָרגן האָט ער פאַרפאַקט זיינע זאַכן און מיט 50 גולדן אין טאַש, באַפליגלט דורך יוגנט און אַמביציע, איז ער געפאָרן קיין ווין, זוכנדיק רום און קאַריערע.

אויף די רושטאָוואַניעס פון ווין

די מיליאָניקע שטאָט האָט אויפגענומען היטלערן נישט איבעריק גאַסטפריינדלעך. אויף די ברייטע טרעפ פון דער אַקאַדעמיע האָט ער דערזען צענדליקער יונגעלייט און זיין האָפערדיקייט איז פלוצלונג נעלם געוואָרן.

מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ האָט ער לאַנג געוואַרט ביז דער פראָפעסאָר וועט קומען און אַדורכקוקן די צייכנונגען, וועלכע ער האָט געבראַכט אַלס פראָבע. ענדלעך איז ער צוגעגאַנגען

צום טיש און אַ פּאָר שטרענגע ברילן האָבן זיך פאַרשנדיק איינגעגראָבן אין די געבראַכטע צייכנונגען.

— דאָס איז אַלץ?

— אַלץ.

— און איר ווילט אַריינטרעטן אין קונסט־אַקאַדעמיע? אַן אומזין. פּרובירט, אפשר וועט מען אייך צונעמען אין אַר־כיטעקטן־שול.

„כ'בין געווען זיכער, — שרייבט היטלער אין זיינע זכרונות, — אַז כ'וועל אויסהאַלטן דעם עקזאַמען שפּילנדיק. אין דער שולע בין איך געווען דער בעסטער צייכנער. כ'בין געווען זייער צופרידן מיט זיך און כ'האָב מיט פרייד און שטאָלץ דערוואַרט דעם בעסטן אויסגאַנג פון עקזאַמען. כ'בין געווען אַזוי זיכער אין דערפאָלג, אַז דער אָפּזאָג האָט מיך גע־טראָפן ווי אַ דונער".

אָבער די נידערגעשלאָגנקייט איז שנעל אַריבער. היטלער האָט באַשלאָסן אָנצוגעבן אַ ביטע אין דער אַרכיטעקטן־שול. ווידער האָט דאָס האַרץ האַסטיק געקלאַפּט און ווידער האָט אַן אַלטער פּראָפעסאָר אויפמערקזאַם דורכגעבלעטערט די צייכנונגען.

— הם, נשקשה... גאָרנישט שלעכט... צי האָט איר שוין געענדיקט די בוי־שולע?

— איך... איך האָב בכלל נישט באַזוכט די בוי־שולע...— ענטפערט היטלער אַ צומישטער.

דער פּראָפעסאָר קוקט אים פאַרוואונדערט אָן:

— אַזוי גאָר? איר האָט נישט געלערנט אין דער בוי־שולע? טאָ וואָס־זשע ווילט איר דאָ?

דאָס יונגל וואַרפט אויפן פּראָפעסאָר אַ תחנונים'דיקן בליק. דער פּראָפעסאָר וואַרפט נאָך אַמאָל אַדורך די צייכנונ־גען: באמת, נישט שלעכט. דער קליינער האָט פעאיקייטן.

— און אַ מאַטורע האָט איר? אויך נישט?! נו, איז אַ שאָד די צייט...

אַלץ איז געענדיקט. אַדאָלף איז פֿאַרצווייפֿלט. כּדי אַ־ייַנצוטרעטן אין דער אַרכיטעקטן־שולע, דאַרף מען האָבן ידיעות אין פֿיזיק, מאַטעמאַטיק און אַנדערע זאַכן, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט איבעריק ליב געהאַט. און דער 16־יעריקער עם־הארץ קען נאָר לייענען און שרייבן. ער האָט אַ געוואַלדיקע אַמביציע און אַ ברעקל טאַלענט. און אויסער־דעם: ער איז יונג און פֿאַרמאָגט 50 גילדן. דאָס איז ווייניק, כּדי צו ווערן אַן אַרכיטעקט, אָבער ס׳איז גענוג, כּדי פּרובירן צו קעמפֿן מיטן גורל.

אין זיין שטעטל איז 50 גולדן געווען אַ פֿאַרמעגן. אָבער אין דער ריזיקער שטאָט איז זיך די דאָזיקע סומע צעגאַנגען ווי אייז. ער האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון זיינע הויכע חלומות און אָנהויבן קעמפֿן פֿאַרן געוויינלעכן שטיקל ברויט. ווען פֿון די 50 גולדן איז נישט געבליבן קיין זכר, האָט זיך אַדאָלף אַרויסגעלאָזט אין שטאָט זוכן אַרבעט. אויף דער שכנותדיקער גאַס האָט מען געבויט אַ הויז. דאָס האָט עפּעס אַ שייכות צו אַרכיטעקטור, — טראַכט זיך דאָס יונגל און אָט שטייט ער נעבן מייסטער און לעגט אים פֿאָר זיין אַרבעט. אָבער דער מייסטער שאָקלט מיטן קאָפּ:

— מיר דאַרפֿן צו האָבן נאָר קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער.

— איך קען נישט ערגער פֿון...

— ציינעניש האָט איר?

ניין, ער האָט נישט קיין שום ציינעניש.

— איז ניקס צו מאַכן.

דער גוטמוטיקער ווינער זעט די אומגליקלעכע מינע פֿונם יונגל. ער קריגט אויף אים רחמנות און לעגט אים פֿאָר:

— אפשר אַלס געהילף...

דאָס יונגל ציטערט אויף פֿאַר אויפֿרעגונג: ער, דער „גע־ניאַלער" מאַלער, וועלכער שטאַמט פֿון אַ בעסערער משפּחה און חלומט וועגן אַ גלענצנדער צוקונפֿט, — ער וועט ווערן

א מוליער־געהילף? ניין, בעסער דער טויט. ער וויל אנטלויפן, אבער דא רופט זיך אן דער מאגן: דו מוזט!

מיט אן אראפגעלאזטן קאפ האט זיך היטלער אוועקגעשטעלט צו דער ארבעט. ער האט געטראגן ציגל, געמישט קאלך, געלאפן צענדליקער מאל ארויף און אראפ פון די רושטאוואניעס. דער צוקונפטיקער פירער פון דער דייטשער רעאקציע איז געווארן א פראלעטאריער. שפעטער האט ער נישט איינמאל קאקעטירט זיינע אנהענגער פון דער ארבעטער־סביבה מיט זיין „פראלעטארישקייט". אבער דאמאלס, מיט פינף און צוואנציק יאר צוריק איז ער דערמיט גארנישט שטאלץ געווען. דער „פירער", וועלכער האלט אין איין טענה'ן, אז ער וויל „אויפלעבן דעם דייטשן גייסט" — האט זיך פשוט געשעמט מיט זיין פיזישער ארבעט. ער האט זי געהאלטן פאר אן אומגליק און פאר א חרפה. ער איז געבליבן פרעמד דער וועלט פון ארבעט, מיט אירע ליידן, האפנונגען און קאמף. ער האט געוואוינט אין אן ארבעטער־שטיבל און זיך צוגעקוקט פון דער נאנט צום טרויעריקן, ארעמען לעבן פון פראלעטאריער. אבער דאס דאזיקע לעבן האט נישט ארויסגערופן אין אים א בונט, א ווילן צו קעמפן צוזאמען מיט זיי פאר דער באפרייאונג פון ארבעט. זיין איינציקער פארלאנג איז געווען — צו אנטלויפן פון דער דאזיקער וועלט, וואו ער האט זיך געפילט פרעמד און איינזאם. פארפאלן, ער מוז ארבעטן, אבער ער וועט זיך קיינמאל נישט אויסמישן מיט זיי, וועט נישט רעדן מיט זיי. מיט זיין גאוה'דיקן שווייגן וועט ער זיי ווייזן, אז ער שטייט העכער פון זיי.

די חברים האבן אים אויפגענומען פריינדלעך. בעת דער ארבעט האבן די גוטמוטיקע ווינער ארבעטער זיך אונטערגעזונגען פריילעכע „ווינער לידער", און נאך דער ארבעט פלעגן זיי אוועקגיין אין פאריין — סימבאל פון זייער כח און קאמף.

— דעם „נייעם" דארף מען אריינציען אין פאריין, —

האָבן זיי גערעדט צווישן זיך, קונדיק ווי אַ באַגאַסענער מיט שוויים האָט היטלער געקנאָטן ליים אָדער געטראָגן ציגל.

נאָך דער אַרבעט האָט מען אָנגעקניפּט מיט אים אַ געשפּרעך. אין פּשוטע ווערטער האָבן זיי אים אויפגעקלערט זייער סאָציאַליסטישן אני־מאמין און פאָרגעלייגט ער זאָל אַריינטרעטן אין פאַריין. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז היטלער איז אינגאַנצן נישט „באַוואוסטזיניק". אַ פּאָר טאָג האָבן די אַרבעטער געפּרוווט רעדן מיט אים און אים אויפקלערן, ביז זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז זיי האָבן צו טון מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם שונא. דאַמאָלס האָבן זיי איבערגעריסן אַלע דיסקוסיעס. מ'האָט די פראַגע אָוועקגעשטעלט קורץ און שאַרף:

— טרעטסט אַריין אין פאַריין, אָדער — טראָג זיך אָפּ!

צום מייסטער איז אַוועק אַ דעלעגאַציע:

— מיר ווילן מיט אים נישט אַרבעטן... ער איז אַ געלער!..

דער מייסטער האָט לאַנג נישט געקלערט. היטלער איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אַרבעט. ער האָט געפונען באַשעפטיקונג ביי אַן אַנדער הויז, אָבער דאָרט האָט זיך דאָס־זעלבע איבערגעחזרט אין נאָך אַ שאַרפערער פאָרם: די אויפגערעגטע אַרבעטער האָבן אים גאַנץ פּשוט געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון דער רושטאָוואַניע. אַן אַלטער אַרבעטער האָט זיך אַריינגעמישט און היטלערן איז קוים געלונגען צו אַנטלויפן.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן היטלערס קאָנפליקט מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, אַ קאָנפליקט, וועלכער גייט אַדורך ווי אַ רויטער פאָדים דורך זיין גאַנץ לעבן. פון די ווינער רושטאָוואַניעס האָט ער מיטגענומען אַ ברענענדיקע שנאה צו דער אַרבעטער־וועלט, וואָס האָט אים געוואָלט דערנידריקן דורך אַריינעמען אים צו זיך און אויסגלייכן מיט אַלע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר נידעריקער פון זיך.

ער האָט געמוזט זוכן אַנדערע אַרבעט. דאָ זענען אים צוהילף געקומען זיינע צייכנערישע פעאיקייטן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט מאָלן קליינע בילדלעך און אַקוואַרעלן און פון דעם געצויגן חיונה, פירנדיק אַ קלאָגעדיק לעבן, איינזאַם און פאַרשטויסן דורך אַלעמען, וועלכע האָבן אים געקענט.

,,פינף יאָר פון איינזאַמקייט און נויט האָב איך פאַרבראַכט אין דער דאָזיקער שטאָט. במשך פון די דאָזיקע יאָרן האָב איך מיט שווערער פּראַצע געמוזט פאַרדינען מיין באמת קאַרג שטיקל ברויט, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געסטייעט, כדי צו שטילן דעם געוויינלעכן הונגער. דער הונגער איז דאַמאָלס געווען מיין געטרייער באַגלייטער, דער איינציקער, וועלכער האָט מיך נישט פאַרלאָזט, וועלכער האָט מיט מיר געטיילט מיינע טעג און נעכט. יעדעס געקויפטע ביכל איז געווען פאַרבונדן מיט זיין וויזיט; אַ באַזוך אין דער אָפּערע האָט געקאָסט אַ פּאָר טאָג הונגערן; דאָס איז געווען אַ כסדרדיקער קאַמף מיט מיין אומברחמנותדיקן באַגלייטער. מיין איינציקע טרייסט אין די יאָרן זענען געווען ביכער‘‘.

ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר. קרענקלעכע אַמביציע און פאַרביטערטע שנאה האָבן אים געהאָלפן דורכצוהאַלטן די שווערע יאָרן. ער האָט אַ סך געלייענט. דער האָס צום סאָציאַליזם האָט אים באַוואויגן זיך צו באַקענען אויך מיט דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. ער האָט געוואָלט דערגיין די סיבה פון דער מעכטיקער באַוועגונג, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין און וועלכע ער האָט אַזוי געהאַסט. די סיבה האָט ער שנעל געפונען. אַ סך האָט אים אין דעם געהאָלפן דאָס ווינער אַנטיסעמיטישע בלעטל: ,,דייטשע פאָלקסבלאַט‘‘. די סיבה איז געווען אַזוי פשוט, אַזוי פאַרשטענדלעך:

— די יידן!

,,נאָר ווען מ׳באַקענט זיך מיטן יידנטום, געפינט מען אַ שליסל צו פאַרשטיין די אינערלעכע, פאַרבאָרגענע כוונות

פון סאָציאַליזם. וועד ס׳קען דאָס דאָזיקע פּאָלק, דעם ווערט קלאָר דער מהות פון דער סאָצ. פּאַרטיי״.

„ס׳איז מיר שווער היינט צו זאָגן, ווען האָט דאָס וואָרט „ייד״ אַרויסגערופן ביי מיר צום ערשטן מאָל ספּעציעלע רעיונות. כ׳געדענק נישט, כ׳זאָל האָבן ווען עס איז געהערט דאָס דאָזיקע וואָרט אין מיין פּאָטערס הויז. כ׳גלויב, אַז מיין פאָטער וואָלטן געהאַלטן פאַר אַ סימן פון קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט, ווען עמיצער וואָלט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט מיט אַ ספּעציעלן טאָן״.*)

ערשט אין ווין איז אים ליכטיק געוואָרן פאַר די אויגן. „כ׳האָב גענומען אַלע סאָציאַליסטישע בראָשורן, וועלכע זענען מיר אונטערגעקומען אונטער דער האַנט און כ׳האָב געזוכט דעם נאָמען פון מחבר: יידן! כ׳האָב באַטראַכט די נעמען פון כמעט אַלע סאָציאַליסטישע פירער; כמעט אַלע האָבן זיי געהערט צום „אויסדערוויילטן פאָלק״. כ׳האָב כסדר געהאַט פאַר די אויגן דאָסזעלבע פּריקרע בילד. די נעמען פון אויסטערליץ, דאַווידֿ, אַדלער, עלענבאָגען א. א. וועלן מיר שטענדיק פאַרבלייבן אין זכרון.

„ערשט דאַן האָב איך גענוי דערקענט דעם פאַרפירער פון אונזער פאָלק״.

נאָך דער דאָזיקער דערשיטערנדיקער אַנטדעקונג איז היטלער געוואָרן — „אַ פאַנאַטישער אַנטיסעמיט״.

„עקלהאַפט איז פאַר מיר געווען די הויפּט־שטאָט, וואָס איז געווען אַ געמיש פון פעלקער און ראַסן: טשעכן, פּאָליאַקן, אונגאַרן, רוטענער, סערבן, און צווישן זיי, ווי אַן אייביקע קללה פון דער מענטשהייט — יידן און יידן״.

---

*) מ׳זאָגט אַז היטלערס פאָטער זאָל האָבן געשטאַמט פון יידן. דער נאָמען „היטלער״ זאָל שטאַמען פונעם יידישן פרויען־נאָמען „גיטל״ גיטלער, סאַיז שווער פעסטצושטעלן. אויף וויפל דאָס איז ריכטיק. נאָר מילא, מיר זענען מוחל די דאָזיקע „מציאה״ די עסטרייכער.

באוואפנט מיט אזא באגאזש, האט דער 23־יעריקער היטלער באשלאסן צו פארלאזן „דאס פארפוילטע עסטרייך״, וואס קען זיך קיין עצה נישט געבן מיט די אלע פעלקער, און זיך אוועקגעלאזן קיין דייטשלאנד. דער פרייסישער גייסט איז אים געווען נאנט און ווילהעלמס קריגערישע פאכען מיטן שווערדל איז אים זייער געפעלן. אין א פרילינג־טאג 1912 האט אדאלף היטלער פארלאזט ווין און זיך באזעצט אין מינ־כען, די הויפט־שטאט פון בייערן.

דער גליקלעכסטער און דער שרעקלעכ־סטער טאג פון א לא־יצלח

אין מינכען איז היטלערן געגאנגען נישט בעסער ווי אין ווין. אויך דא האט ער זיך פארנומען מיט פארקויפן זיינע בילדלעך און אויך דא האט ערגעליטן נויט און דחקות. זיין קרענקלעכע אמביציע האט ווידער אמאל געהאט א מפלה. עס האבן זיך ווידער גענומען ציען גראע טעג אן האפנונג און אן אויסזיכטן.

די מאנאטאנישקייט פון זיין לעבן איז איבערגעריסן גע־ווארן אין יוני 1914. אין א געוויסן זומער־טאג האבן די ציי־טונגען געבראכט די ידיעה, אז אין סאראיעווא האבן סערבי־שע טעראריסטן דערהרגעט דעם עסטרייכישן טראנפאלגער פראנץ־פערדינאנד.*) מיליאנען מענטשן האבן אויפגענומען די שרעקלעכע ידיעה, דעם אנזאג פון קריג, מיט פחד און פארצווייפלונג. אבער היטלער האט צו זיי נישט געהערט. מיט פרייד האט ער אויפגענומען דעם זיך דערנענטערנדיקן מלחמה־שטורעם. פאר איין זאך האט ער נאר מורא געהאט:

*) זע „גר. ביבל״. נר. 38: „ווי אזוי איז אויסגעבראכן די וועלט־מלחמה״.

טאָמער וועט עסטרייך זיך אין דער לעצטער מינוט צוריקציען און דעם ענין וועט מען ערלעדיקן אויף אַ פרידלעכן אופן... ענדלעך האָט ער פדיי אָפּגעאָטעמט: דער קריג איז דערקלערט געוואָרן. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין זיין בלוטיקן שטראָם אַ פאַרשיכורטער פון פרייד, ווי אַן אַוואַנטוריסט, וואָס שטעלט אויף זיין לעצטע קאָרט: אפשר וועט איצט געלונגען זיך אָפּצושפּילן, אפשר וועט איצט פאַרווירקלעכט ווערן זיין חלום וועגן קאַריערע און רום? ער ווייסט, אַז אין נאָרמאַלע צייטן וועט ער זיך קיינמאָל נישט אויסצייכענען, וועט ער שטענדיק בלייבן אַ נול. מיט פרייד באַגריסט ער די מלחמה. אין איר בלוטיקן כאַאָס זוכט ער דעם וועג צו קאַריערע.

,,די דאָזיקע שעה'ן — שרייבט ער אין זיינע זכרונות — זענען פאַר מיר געווען אַן אויסלייזונג פון פיינלעכע איבערלעבונגען, פון מיין יוגנט. אפילו היינט שעם איך זיך נישט מודה צו זיין, אַז כ'בין מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטורמישן ענטוזיאַזם און אַנידערגעקניט אויף דער פּאָדלאָגע, דאַנקנדיק פון גאַנצן האַרצן דעם הימל, אַז ס'איז מיר באַשערט געוואָרן צו לעבן אין די דאָזיקע צייטן''.

ער וויל אָבער נישט דינען אין עסטרייכישן מיליטער. ער האָט פיינט זיין פאָטערלאַנד. צוויי טעג נאָכן אויסברוך פון קריג גיט ער אָן אַ ביטע אין בייערישן קריגס־מיניסטעריום, מ'זאָל אים דערלויבן אַריינטרעטן אַלס פרייוויליקער אין דער דייטשער אַרמיי. אויפן צווייטן טאָג איז ער געוואָרן אַ דייטשער זעלנער. זיין פרייד האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. ,,ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער גליקלעכסטער און דערהויבנסטער פּעריאָד פון מיין ערדישן לעבן''.

אין דריי וואָכן אַרום איז היטלערס פּולק אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפן פראַנצויזישן פראָנט. אָבער אויך דער ,,דערהויבנסטער פּעריאָד'' פון זיין לעבן האָט היטלערן נישט געבראַכט קיין קאַריערע. אַלס זעלנער האָט ער זיך מיט גאָר נישט אויסגעצייכנט. ער האָט אַנטיילגענומען אין אַ פּאָר

אדאָלף היטלער

שלאָכטן, איינמאָל פאַרוואונדעט געוואָרן און שוין אין די לעצטע וואָכן פון קריג איז ער שיעור נישט בלינד געוואָרן פון גיפטיקע גאַזן.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. צוזאַמען מיט איר האָט זיך אויך געענדיקט היטלערס מיליטערישע קאַריערע, די דריטע נישט־געלונגענע קאַריערע פון זיין לעבן. ער האָט זיך אומגעקערט פון פראָנט פונקט אַזוי אומבאַקאַנט און נישטיק, ווי פריער, נידערגעשלאָגן דורך זיין מפּלה אַלס דייטש און מענטש. ס'איז אים אָבער געבליבן זיין קרענקלעכע אַמביציע גרויס צו ווערן און זיין ברענענדיקע שנאה צו סאָציאַליסטן און יידן. במשך פון די פיר יאָר פון דער וועלט־שחיטה האָט ער זיך גאָרנישט אויסגעלערנט און גאָרנישט פאַרגעסן. די מלחמה איז געווען פאַר אים אַ מין הייליקער קרייץ־צוג, אַן אויסלייזונג־קאַמף, אַ ן וועלכן ער האָט זיך אריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן. ער איז געווען בלינד אויף די ליידן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, פאַר וועלכע די מלחמה איז געווען אַ שרעקלעך אומגליק, ביי וועלכע זי האָט צוגענומען זייערע נאָנטע, און פאַרמשפּט אויף הונגער און פּיין. ווען די פרויען פלעגן שיקן אויפן פראָנט בריוו פול מיט יאוש, אין וועלכע זיי האָבן זיך באַקלאָגט אויף הונגער, נויט, אויסגעשעפּטקייט — זענען די דאָזיקע בריוו געווען פאַר אים „זינלאָז״. נישט קיין וואונדער: ער האָט דאָך נישט געהאַט קיינעם, וועמענס ליידן זאָלן אים זיין נאָנט...

די רעוואָלוציע איז פאַר אים געקומען פּלוצלונג און אומדערוואַרט. עפּעס זענען מאַטראָסן געקומען אויף לאַסט־אויטאָס, האָבן געוואָרפן אַ פּאָר רעוואָלוציאָנערע אויסגעשרייען, אָנגעפירט דורך אַ פּאָר „יידן־יונגען, פון וועלכע קיין איינער איז נישט געווען אויפן פראָנט״ — און אָט האָט איר די גאַנצע רעוואָלוציע*). ער איז דאַמאָלס געלעגן אין אַ שפּי־

*) זע „גר.־ביבל.״ נר. 76 „די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

טאָל ערגעץ אין פּויזנער קאַנט. דעם 10־טן דעצעמבער איז אין שפּיטאָל געקומען אַן אַלטער פּאַסטאָר און מיט אַ צעבראָכענער שטים דערציילט, אַז אין בערלין איז נעכטן פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ רעפּובליק, און אַז ס'איז געשלאָסן געוואָרן וואָפנשטילשטאַנד.

„זינט דעם טאָג, ווען כ'בין געשטאַנען איבער מיין מוטערס קבר — דערציילט היטלער — האָב איך קיין איינמאָל נישט געוויינט. כ'האָב נישט געוויינט, ווען דער גורל האָט מיר אין דער יוגנט נישט געקאַרגט קיין שווערע קלעפּ, נישט געוויינט, ווען דער טויט האָט צוגערויבט אויפן פראָנט מיינע בעסטע פריינט און חברים, אָדער ווען גיפטיקע גאַז האָבן זיך מיר אַריינעפרעסן אין די אויגן און שיעור נישט בלינד געמאַכט. אָבער איצט האָב איך זיך נישט געקאָנט באַהערשן. ס'זענען געקומען שרעקלעכע טעג און נאָך שרעקלעכערע נעכט. כ'האָב געוואוסט, אַז אַלץ איז פאַרלוירן. במשך פון די דאָזיקע נעכט איז אין מיר שטאַרק און מעכטיק געוואָרן די שנאה — די שנאה קעגן די שולדיקע".

ווער זשע זענען לויט זיין מיינונג געווען די שולדיקע? אפשר דער אַוואַנטוריסטישער קייזער ווילהעלם דער צווייטער? חס וחלילה. די שולדיקע זענען געווען — יידן!... אַזוי זעט אויס דער גייסטיקער האָריזאָנט פון אַ מענטשן, וואָס וויל ווערן דער הערשער איבער אַ 60־מיליאָניק פאָלק און דיקטירן זיין ווילן גאַנץ אייראָפּע...

דער דאָזיקער מיטלמעסיקער קאַריעריסט, וואָס איז נישט געוואָרן נישט קיין באַרימטער מאַלער, נישט קיין באַרימטער אַרכיטעקט און נישט קיין גרויסער מיליטער־מאַן, וואָס איז אין נאָרמאַלע צייטן געווען אַ גאָרנישט — האָט ערשט איצט אַנטדעקט זיין אמתע באַרופונג. אין די שווערע טעג פון סוף 1918, ווען די גאַנצע ביז איצטיקע וועלט האָט געהאַלטן ביי צעשמעטערט ווערן, ווען איבער דער פאַרמאַטערטער אייראָפּע

האָט געפּלאַקערט דאָס פֿייער פֿון סאָציאַלער איבערקערע־
ניש — האָט אַדאָלף היטלער געפֿונען זיין ריכטיקן וועג.

„אין די דאָזיקע טעג האָב איך פֿאַרשטאַנען מיין באַרו־
פֿונג. אַ געלעכטער האָט מיך אַרומגעכאַפּט, ווען איך האָב זיך
דערמאָנט די דאגות, וואָס האָט מיר פֿאַרשאַפֿן דער געדאַנק
וועגן מיין צוקונפֿט נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק. צי איז
דען נישט געווען לעכערלעך דער געדאַנק צו בויען הייזער אויף
אַזאַ באָדן?

איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ פּאָליטיקער״.
געוואָרן איז ער אָבער — אַ פּאָליטישער אוואַנטוריסט.

זיבן מיטגלידער... זיבן מאַרק אין דער קאַסע...

אין מינכען, וואו היטלער האָט דאַמאָלס געוואוינט, איז
נאָכן פֿאַלן פֿון דער מאָנאַרכיע געשאַפֿן געוואָרן אַ ליבקע רע־
גירונג אונטער דער אָנפֿירונג פֿון באַקאַנטן יידיש־דייטשן
סאָציאַליסט קורט אייזנער. צווישן די רעאַקציאָנערע אָפֿיצירן
האָט דאָס אַרויסגערופֿן אַ גרויסע אויפֿרעגונג און זיי האָבן
באַשלאָסן צו דערמאָרדן דעם רעוואָלוציאָנערן פּרעמיער. אין
פֿעברואַר 1918 האָט גראַף אַרקאָ מיט דריי רעוואָלווער־שאָסן
דערמאָרדעט אויף דער גאַס דעם יונגן און באַליבטן פֿירער פֿון
די מינכענער אַרבעטער. די דערמאָרדונג פֿון קורט אייזנער
האָט אַרויסגערופֿן אַ געוואַלדיקן שטורם צווישן די אַרבעטער
און סאָלדאַטן. ס׳האָט זיך געבילדעט אַ רעוואָלוציאָנערער
קאָמיטעט, בראָש פֿון וועלכן ס׳האָבן זיך געשטעלט ערנסט
טאָלער, עריך מיזאַם און גוסטאַוו לאַנדויער. דער קאָמיטעט
האָט איבערגענומען די מאַכט און פּראָקלאַמירט אין בייערן
אַ ראַטן־רעפּובליק.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלוטיקער קאַמף צווישן דער

ראַטן־רעגירונג און די קאָנטררעוואָלוציאָנערע פּריווילּיקע אָפּטיילונגען. היטלער האָט אײַנם דאָזיקן קאַמף נישט גענומען קיין שום אַנטייל. ערשט ווען די פּריווילּיקע אָפּטיילונגען האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין מינכען און דערטרינקען אין בלוט די רעוואָלוציאָנערע שטאָט, האָט ער זיך באַוויזן אויף דער אַרענע. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פֿון אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט נאָכפאָרשן ווער פֿון די זעלנער האָט זיך באַטייליקט אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן און מ'דאַרף אים באַשטראָפן. אַ דאַנק זײַן אַרבעט האָבן הונדערטער רעוואָלוציאָנערע זעלנער באַקומען טויט־און תּפֿיסה־שטראָפן. פֿאַר די דאָזיקע פֿאַרדינסטן האָט ער באַקומען דעם ערשטן אַוואַנס אין זײַן לעבן. כּדי אַנטקעגנצווירקן דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע צווישן די זעלנער, האָט די מיליטערישע אָנפֿירונג אײַנגעאָרדנט קורסן, אויף וועלכע מ'האָט געפֿירט אַנטי־רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. אָט אויף די קורסן איז היטלער באַשטימט געוואָרן אַלס בילדונגס־אָפֿיציר. דאָס איז געווען דער לאַנג־דערוואַרטעטער ערשטער שטאַפּל צו אַ קאַריערע. דאָס וואָס היטלער האָט נישט באַוויזן צו דערגרייכן אַלס קינסטלער און אַלס מיליטער־מאַן, האָט ער דערגרייכט אַלס באַקעמפֿער פֿון דער רעוואָלוציע. ער איז געווען זייער צופֿרידן מיט זײַן אַרבעט. די זעלנער זענען געווען אַ דאַנקבאַרער עלעמענט פֿאַר אַלערליי עקסטרעמע לאָזונגען. זיי האָבן ווײַטער געוואוינט אין די קאַזאַרמעס, הגם די מלחמה האָט זיך שוין געהאַט פֿאַרענדיקט — זיי האָבן פּשוט נישט געהאַט וואוהין צו גיין. די מלחמה האָט אַ תּל געמאַכט פֿון זייערע לעבנס. זיי זענען צוריקגעקומען דעמאָראַליזירטע און אַנטוישטע. פֿיר יאָר האָבן זיי געשמאַכט אין די אָקאָפּעס, גלייבנדיק אַז זיי קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערע צוקונפֿט. און אָט זענען זיי צוריקגעקומען צובראָכענע און פֿאַרביטערטע, און אין זייערע היימען האָבן זיי געטראָפֿן נויט און ליידן. זיי זענען פֿול געווען מיט האַס און פֿאַרביטערונג, געוואוינט

צו אַלץ און גרייט אויף אַלץ. היטלערס גיפטיקע פּראָפּאַגאַנ־דע, וואָס האָט זיי צוגעזאָגט מכל טוב, האָט דאָ געהאַט אַ דאַנקבאַר פעלד. זיי האָבן דאָך נישט געהאַט מער וואָס צו פאַרלירן, און געווינען האָבן זיי נאָך געקאָנט אַלץ — אַזוי האָט זיי היטלער פאַרזיכערט.

אַ געווייסן טאָג, ווען היטלער איז צוריקגעקומען פון קורס אין די קאַזאַרמען, איז אין זאַל אַרייַנגעקומען אַן אָפיציר און זיך גענומען אַרומקוקן אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט אימיצן געזוכט.

— היטלער, קומט נאָר אַהער! — האָט ער לסוף אַ גע־שריי געטון.

— צום באַפעל! — איז היטלער צוגעשפּרונגען.

דער אָפיציר האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם 30-יעריקן זעלנער און אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ שטיקל פּאַפּיר.

— הם... דאַכט זיך, אַז דאָס איז עפּעס פאַר אייך. דאָ איז געגרינדעט געוואָרן עפּעס אַ „דייטשע אַרבעטער־פּאַר־טיי". אפשר וואָלט איר צו זיי אַהינגעגאַנגען און געזען, וואָס דאָס איז אַזוינס? צי גרייטן די רעוואָלוציאָנערן נישט ווייטער עפּעס צו? מ'זאָגט, אַז איר אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק?

דעמזעלבן אָוונט איז היטלער געגאַנגען אין קאַפע־הויז „אַלטעס ראָזענבאַד", וואו ס'האָט געזאָלט פאָרקומען די פאַר־זאַמלונג פון דער נייער פּאַרטיי. ער איז געקומען דער ער־שטער. אין אַ פערטל שעה אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַ־ווייזן אויך אַנדערע אָנטיילנעמער פון דער פאַרזאַמלונג. האַלב נײַן האָט זיך די פאַרזאַמלונג געעפנט. דער קאַסירער פון דער פּאַרטיי האָט פאָרגעלייענט אַ קאַסע־באַריכט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער קאַסע געפינט זיך אַ קאַפּיטאַל פון... זיבן מאַרק. צום סוף פון דער פאַרזאַמלונג האָט דער זעלנער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שטילשווייג־נ־דער, גענומען אַ וואָרט און געשטעלט אַ פּאָר פראַגן:

— וויפל מיטגלידער ציילט אייער פארטיי?

דער פארזיצער האט מיט פארלעגנהייט א שמייכל געטון.

— דערווייל זענען מיר זאלבע זעקסט. איר זענט דער זיבעטער. אבער דאס איז ערשט דער אנהויב...

— וואס וויל אייער פארטיי? — האט היטלער ווייטער געפרעגט.

— מיר ווילן... הם... מיר ווילן...: אייגנטלעך איז נאך אונזער פראגראם נישט באארבעט. מיר ווילן באקעמפן די דעמאקראטיע...

היטלערן איז דאס שטארק געפעלן געווארן. אט אזא פארטיי האט ער געדארפט צו האבן. ער האט דערקלערט, אז ער וויל ווערן א מיטגליד פון דער פארטיי.

— קיין געדרוקטע מיטגלידס־קארטן האבן מיר נאך נישט. מיר וועלן אייך דערווייל ארויסגעבן א צייטווייליקע באשטעטיקונג, אז איר זענט אונזער מיטגליד.

דער סעקרעטאר האט ארויסגעריסן פון העפט א בלעטל און זיך גענומען צום שרייבן.

— אייער פראפעסיע? — האט ער געפרעגט, נאכדעם ווי היטלער האט זיך פארגעשטעלט.

היטלער האט זיך פארטראכט און א ווײַלע געשוויגן. זיין פראפעסיע? דאס איז א שווערער ענין. וואס איז אייגנטלעך זיין פראפעסיע: זעקנער? פאליטיקער? א לא־יוצלח־קער מאלער? אדער אפשר גאר א מוזיקער־געהילף?

— יידן־פיינט! — האט ער געענטפערט לסוף האלב־ערנסט האלב־שפאס.

די אנוועזנדיקע האבן אויסגעבראכן אין א הילכיק גע־לעכטער. די „פראפעסיע" פון נייעם מיטגליד איז זיי שטארק געפעלן געווארן.

אזוי ארום איז אדאלף היטלער, דער 30־יעריקער דע־קלאסירטער זעקנער, וואס איז געשיקט געווארן אויף דער

פאַרזאַמלונג אַלס שפּיאָן פון דער מיליטער־מאַכט געוואָרן מיטגליד נר. 7 פון דער „דייטשער אַרבעטער־פּאַרטיי".

זיבן מיטגלידער און זיבן מאַרק אין דער קאַסע — אַזוי איז געווען אין יאָר 1919.

דרייצן מיליאָן וויילער און אונציילִיקע מיליאָנען אין די פּאַרטיי־קאַסעס — אין יאָר 1932.

אָט דאָס איז דער וועג פון אַדאָלף היטלערס גרויסקייט און גלייכצייטיק — פון דייטשלאַנדס טיפסטער ירידה.

ערשטע שריט

מינכען ציילט 700 טויזנט איינוואוינער. צו דער נייער פּאַרטיי האָבן געהערט 7 מיטגלידער. פאַרוואָס זשע איז היט־לער צוגעשטאַנען דווקא צו דער נישטיקער גרופּקע און נישט אַריינגעטרעטן אין איינע פון די גרויסע דייטשע פּאַרטייען? ער האָט דאָס געטון גאַנץ באַוואוסטזיניק. ער האָט געוואוסט, אַז כּדי זיך אויסצייכענען און מאַכן אַ קאַריערע אין איינער פון די שוין עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען — דאַרף מען באַזיצן אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן. היטלער האָט אָבער געוואוסט, אַז ער איז אַ גאָרנישט, אַז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, איז בלויז קרענקלעכע אַמביציע און איינרעדענישן.

„כ'וואָלט קיינמאָל נישט אַריינגעטרעטן אין איינער פון די עקזיסטירנדיקע גרויסע פּאַרטייען, — שרייבט ער אין זיין בוך. — די דאָזיקע לעכערלעך־קליינע גרופּקע איז נאָך נישט פאַרגליווערט געוואָרן אין אַן „אָרגאַניזאַציע". דאָ האָט מען נאָך געקאָנט עפּעס אויפטון. דאָס, וואָס כ'בין געווען אָרעם און אָן מיטלען — איז נאָך געווען צו דערליידן. אַ סך ערגער איז געווען דאָס, וואָס כ'האָב געהערט צו די נאָמען־לאָזע, וואָס כ'בין געווען איינער פון מיליאָנען, וועלכע לעבן אָדער שטאַרבן אָן דעם מינדסטן רושם. דערצו איז נאָך צוגע־קומען איין שוועריקייט — דער מאַנגל אין שול־בילדונג".

די נייע „פּאַרטיי" איז באַשטאַנען פון מענטשן, וועמענס קאָנקורענץ איז פאַר היטלערן געווען זייער לייכט צו באַקעמפן. דער איינציקער קאָנקורענט האָט געקאָנט זיין נאָר דער „פאָרזיצער פון לאַנד־עקזעקוטיוו", א געוויסער האַרער, זשורנאַליסט לויט זיין פּראָפעסיע. „פאָרזיצער פון דער מינכענער אָרגאַניזאַציע" איז געווען אַן איינפאַכער אַרבעטער און פאַר אים האָט היטלער נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן.

די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אָנצוהויבן אַן ענערגישע אַקציע. מ'האָט באַשלאָסן איינצואָרדנען איינמאָל א חודש א פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מ'דאַרף זען איינלאַדן וואָס מער צוהערער. יעדער פון די 7 „עקזעקוטיוו"־מיטגלידער האָט אויסגעשריבן 80 איינלאַדונגען און זיי פונאַנדערגעשפּרייט צווישן זיינע פריינט און באַקאַנטע. אויף אַזא אופן האָט מען צעטיילט 560 איינלאַדונגען און מ'האָט זיך גענומען וואַרטן אויף די „פאָלקס־מאַסן".

— אויף וויפל געסט רעכנט איר? — האָט געפרעגט דער קאַפּע־אייגנטימער.

— אויף צוויי הונדערט! — האָט געענטפערט איינער.

— ע, מסתמא א הונדערט מאַן! — האָט פאָרזיכטיק צוגעגעבן א צווייטער.

היטלער איז געקומען דער ערשטער. שוין זיבן א זייגער איז ער געווען אויפן אָרט, וואַרטנדיק מיט אומגעדולד אויף די „מאַסן". האַלב אַכט איז געקומען דער ערשטער גאַסט. צום באַדויערן, איז דאָס געווען איינער פון די מיטגלידער. אַביסל שפּעטער זענען אָנגעקומען ווייטערדיקע געסט — אַלץ מיטגלידער.

— צי וועט אונז קלעקן אָרט? — האָט זיך באַאומרויִקט דער פאָרזיצער האַרער. — הונדערט מאַן וועלן נישט אַריין.

— שאַדט נישט, מיר וועלן זיך אַביסל צונויפדרענגען — האָבן אים געטרייסט אַנדערע מיטגלידער.

דערווייל איז אָבער געווען גאַנץ גערוים. פינף מינוט פאַר אַכט האָט עמיץ ברייט אויפגעפראַלט די טיר. אַלע אַנוועזנדע האָבן אויפגעצאַפּלט: אָט גייען זיי, די „מאַסן“. ס׳איז אָבער אַרייַנגעקומען דער קעלנער... ער האָט זיך העפלעך פאַרנייגט און געפרעגט צי די הערן הייסן זיך עפּעס דערלאַנגען.

אַכט אַ זייגער.

— מיר וועלן נאָך אַביסל אונטערוואַרטן, — האָט פאַר־געלייגט דער פאָרזיצער.

ס׳איז שוין האַלב ניין און מ׳זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. היטלער זיצט אינגאַנצן אַ צעחושטער. ניין אַ זייגער האָט דער פאָרזיצער לסוף געעפנט די פאַרזאַמלונג. ער האָט זיך געהאַט צוגעגרייט אַ פייערלעכע באַגריסונגס־רעדע, וואָס האָט זיך געזאָלט אָנהויבן מיט די ווערטער: „ס׳איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד און פאַרגניגן צו באַגריסן די אַזוי צאָלרייך פאַרזאַמלטע... „די „צאָלרייך פאַרזאַמלטע“ אין דער אימפּאַזאַנטער צאָל פון זיבן מאַן זענען געזעסן נידערגעשלאָגן און צושמעטערט. ס׳איז געווען אַ שרעקלעכער דורכפאַל. פון די 560 איינגעלאַדענע איז נישט געקומען קיין איינער...

די נידערגעשלאָגנקייט איז שנעל פאַרביי. היטלער האָט זיך גענומען צוגרייטן אַ נייע פאַרזאַמלונג. דאָסמאָל האָט מען שוין פונאַנדערגעטיילט טויזנט איינלאַדונגען, געשריבע־נע אויף דער מאַשין. דער דערפאָלג איז געווען אַ באַדייטנ־דער — ס׳זענען געקומען אַזש דריי נייגיריקע... די אָרגאַני־זאַטאָרן האָבן פיבערהאַפט געאַרבעט. די צאָל געסט איז כסדר געשטיגן. אויף אַ דריטע פאַרזאַמלונג זענען שוין געקומען דרייצן צוהערער, שפּעטער זיבעצן, צוויי און צוואַנציק, און לסוף — גאַנצע 34 מאַן. איצט האָט מען באַשלאָסן צו געבן דער אַרבעט אַ ברייטן פאַרנעם. מ׳האָט צונויפגעזאַמלט אַביסל געלט און אַרייַנגעגעבן אַ האַצאָלטן אָנאָנס אין איינער פון די מינכענער צייטונגען. מיט אַ גרויסן רעספּעקט האָט גע־זאָלט אַרויסטרעטן איינער אַ פּראָפעסאָר, און נאָך אים האָט

אלס צווייטער גערארפט רעדן היטלער. דער דאַזיקער באַשלוס האָט קוים נישט אַרויסגערופן אַ שפּאַלטונג אין דער „פּאַר־טיי". האָרער האָט געהאַלטן, אַז היטלער קען בשום אופן נישט אויפטרעטן אַלס רעדנער, ווייל ער קען נישט רעדן. היטלער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט און באַשטאַנען אויף דאָס זיי־ניקע.

ס'האָט געזאָלט זיין דער לעצטער פּרוּוו. אויב די פאַר־זאַמלונג וועט זיך נישט איינגעבן — האָט זיך די פּאַרטיי גע־מוזט ליקווידירן. די פינאַנסן זענען געווען פולשטענדיק אויסגעשעפּט דורך דעם אַנאָנס און נאָך אַמאָל אַזאַ אָנ־שטרענגונג וואָלט געווען אוממעגלעך. ס'איז זיך לייכט פאָר־צושטעלן, מיט וואָס פאַר אַ האַרץ־קלאַפּעניש האָבן אַלע גע־וואַרט אויפן רעזולטאַט פון דער פאַרזאַמלונג. די צוקונפט פון דער פּאַרטיי און אויך זייער גאַנצע קאַריערע האָט גע־דאַרפט דעצידירט ווערן.

פאַר היטלערן פּערזענלעך האָט די פאַרזאַמלונג געהאַט נאָר אַ באַזונדערע באַדייטונג. איצט האָט געזאָלט אַנטשידן ווערן, צי איז ער אַ רעדנער אָדער נישט. אויב נישט — מוז ער זיך אָפּזאָגן אויך פון זיין גייער, זיין פּערטער קאַריערע. ער איז נישט געוואָרן נישט קיין גרויסער מאַלער, נישט קיין אַרכיטעקט און נישט קיין מיליטער־מאַן. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז קיין רעדנער איז ער אויך נישט — איז ער אַ פאַרפאַלענער מענטש. ער איז געזעסן אין דערבייאיקן צימערל און מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז דער פאָרזיצער זאָל אים פאַרבעטן אויף דער טריבונע. פּלוצלונג איז אין צימערל אַריינגעלאָפן איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן מיט אַ פרייידיקער בשורה:

— אין זאַל זענען שוין דאָ 100 פערזאָן!

פאַר די פירער פון דער „דייטשער אַרבעטער־פּאַרטיי" איז דאָס געווען ממש אַן אַסטראָנאָמישע ציפער. „דער זאַל — שרייבט היטלער — האָט געקאָנט אַריינגעמען אַ 130 פערזאָן.

אונז אָבער האָט דער זאָל אויסגעוויזן צו זיין אַ ריזיקע חאַלע, און יעדער פון אונז האָט זיך מיט שרעק געשטעלט די פראַגע, צי ס׳וועט אונז געלונגען צו פאַרפולן מיט מענטשן דעם דאָזיקן „מעכטיקן״ בנין״. אַזאַ פראַגע האָט זיך אין 1919 געשטעלט אַ מענטש, פאַר וועלכן איז איצט אין גאַנץ דייטשלאַנד נישטאָ אַזאַ לאָקאַל, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד אַריינצונעמען זיין אוידיטאָריע...

— ווען ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער טריבונע, האָט ער געהאַט פאַר זיך 111 ווילד־פרעמדע פנימער. כ׳זענען אַלץ געווען מענטשן צובראָכענע און באַ׳עוולה׳טע דורכן גורל. אויף זייערע פנימער האָט ער געזען פאַרביטערונג און יאוש. אויך ער איז פול געווען מיט פאַרביטערונג. ער האָט פאַר זיי אַרויסגערעדט זיין גאַנצן האַס, זיין גאַנצע צונויפגעזאַמלטע שנאה. ער האָט געוואָרפן גאַליקע ווערטער אויף די פאַרעטער, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט דייטשלאַנד אין צושטאַנד פון שרעקלעכער מפלה און דערנידערונג. ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס ס׳איז זיי אַלעמען געלעגן אויפן האַרצן, וואָס ס׳האָט זיי אַלעמען וויי־געטון.

„כ׳האָב גערעדט דרייסיק מינוט און דאָס, וואָס ס׳איז ביי מיר פריער געווען ווי אַן אומקלאָר פאַרגעפיל, איז איצט געוואָרן אַ פעסטע זיכערקייט: כ׳האָב געקאָנט רעדן!״.

דער דערפאָלג איז געווען זייער אַ גרויסער. ווען היטלער האָט נאָך דער פאַרזאַמלונג גערופן די פאַרזאַמלטע זיך צו באַשטייערן לטובת דער פאַרטיי — האָט ער צונויפגעזאַמלט די אַסטראָנאָמישע סומע פון 300 מאַרק... פאַר דער נייער פאַרטיי איז דאָס געווען אַ ריזן־פאַרמעגן.

איצט וואַרפט זיך היטלער מיט דער גאַנצער ענערגיע אין דער אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט. ער וואַנדערט איבער די קאַזאַרמעס, רעדט מיט הונדערטער זעלנער און אַגיטירט זיי, זיי זאָלן אַריינטרעטן אין זיין פאַרטיי. זיין אַגיטאַציע הויבט אָן צו ברענגען פרוכטן. ער איז אַליין אַ זעלנער, טראָגט נאָך

אלץ זיין מיליטערישן מונדיר און רעדט צו די זעלנער מיט א פארשטענדלעכער שפראך. ס׳גייט אדורך א קורצע צייט און די מערהייט מיטגלידער פון דער פארטיי באשטייט פון מיליטער־לייט. פאר היטלערן איז דאס געווען זייער וויכטיק. ער האט נישט געדארפט זוכן קיין נייע ארגאניזאציע־פארמען, ער האט פשוט אנגעהויבן צו ארגאניזירן די פארטיי אויף א מיליטערישן שטייגער. און אזוי ווי אין דער פארטיי־לייטונג איז ער געווען דער איינציקער מיליטער־מאן — איז במילא די מאכט אריבער אלץ מער און מער אין זיינע הענט. מיט זיינע אינטריגעס האט ער לסוף דערפירט דערצו, אז זיין איינציקער קאנקורענט, דער זשורנאליסט הארער האט זיך צוריקגעצויגן פון דער פארטיי־לייטונג. כדי נישט צו ווייזן, אז ער האט באזייטיקט הארערן צוליב קאנקורענץ־טעמים, האט היטלער דערווייל באשטימט אויף זיין ארט דעם ארבעטער דרעקסלער, מיט וועלכן ער האט זיך צו יעדער מינוט געקאנט אן עצה געבן.

דער איינפלוס פון דער נייער פארטיי האט בינו לבינו געהאלטן אין איין וואקסן. אויף די פארזאמלונגען פלעגן שוין קומען ביז 500 מאן. די דאזיקע „ארבעטער״־פארטיי האט אבער געהאט איין גרויסן חסרון: זי האט לחלוטין נישט געהאט אין אירע רייען קיין ארבעטער... די גרויסע ארבעטער־פארטייען האבן זיך באצויגן צו היטלערס ארגאניזאציע מיט ביטול און גרינגשעצונג און די ארבעטער האבן זיך מיט איר לגמרי נישט אינטערעסירט. מ׳האט פארשוויגן זיינע ארויסטרעטונגען, מ׳האט נישט צוגעלאזט זיינע אנהענגער צום ווארט אויף סאציאליסטישע אדער קאמוניסטישע פארזאמלונגען. היטלער האט פארשטאנען, אז די דאזיקע טאקטיק באדייט פאר אים א פאליטישן טויט. אויב מ׳וועט נישט אנהויבן רעדן וועגן אים און זיין פארטיי, וועט ער ווייטער בלייבן א פאליטישער נול און זיינע האפנונגען וועגן א קאריערע וועלן ווידעראמאל צערונען ווערן. האט ער דעריבער

באשלאסן פאר יעדן פרייז אדורכשלאגן די כינעזישע מויער פון פארשווייגן, מיט וועלכער די ארבעטער־פארטייען האבן אים ארומגערינגלט. נאך לאנגן טראכטן איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער בעסטער וועג ארויסצורופן א פאראינטערעסירונג צו אים מצד די ארבעטער איז — העצן זיי און פראוואצירן. קודם כל האט ער באשלאסן רייצן די ארבעטער מיט רויטער פארב. „נאך לאנגן נאכטראכטן — שרייבט ער — האבן מיר אויסגעקליבן די רויטע פארב פאר אונזערע פלאקאטן און פענער. מיר האבן דאס געטון, כדי צו רייצן די לינקע, ארויסרופן ביי זיי אויפרעגונג און פראוואצירן זיי צו קומען אויף אונזערע פארזאמלונגען. זאלן זיי קומען צו אונז אפילו מיטן געדאנק ארומצוריסן אונזערע פארזאמלונגען. דאס איז געווען דער איינציקער מיטל צו קענען בכלל רעדן מיט די דאזיקע מענטשן”. אויף די מויערן פון די הייזער האבן זיך אנגעהויבן צו באווייזן ריזיקע רויטע פלאקאטן מיט באמת פראוואצירנדיקע לאזונגען. אין אנהויב האבן די ארבעטער געלאכט פון די דאזיקע פלאקאטן. ווען היטלער האט אבער באשלאסן איינצוארדנען א מאסן־מיטינג אויף דער טעמע: „דער ארבעטער אין צוקונפטיקן דייטשלאנד”, האבן די ארבעטער באשלאסן צו קומען אויפן מיטינג און אנלערנען בלק דעם חוצפהדיקן פראוואקאטאר. ווען היטלער איז געוואויר געווארן פון דעם באשלוס, איז ער געווען אויסער זיך פאר פרייד: ענדלעך האבן זיי זיך אנגעהויבן מיט אים צו אינטערעסירן!

כדי נאך מער צו רייצן זיינע קעגנער. האט ער אין דער זעלבער צייט געענדערט דעם נאמען פון זיין פארטיי. שוין דער נאמען „דייטשע ארבעטער־פארטיי” האט אויפגערעגט די מינכענער ארבעטער. היטלער האט איצט בכיון צוגעגעבן נאך א מער ראדיקאלן נאמען און פון איצט אן האט די פארטיי געהייסן: „נאציאנאל־סאציאליסטישע דייטשע ארבעטער־פארטיי”. ער האט געוואוסט, אז דערמיט וועט ער ארויס־

ברענגען פון גלייכגעוויכט זיינע קעגנער און זיי וועלן מאסנ־וויַיז קומען אויף זיין מיטינג.

היטלער האָט געמאַכט פיבערהאַפטע צוגרייטונגען. ער האָט מאָביליזירט אַלע זיינע באַקאַנטע זעלנער און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן טאָג פון מיטינג, וועלכער האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 24 פעברואַר 1920. אויפן מיטינג זענען געקומען אַן ערך טויזנט לינקע אַרבעטער, און כמעט די זעלבע צאָל זעלנער. די שטימונג איז פון ערשטן מאָמענט געווען זייער אַ געשפּאַנטע. ביידע פיינטלעכע לאַגערן זענען גרייט געווען צום קאַמף, און דער קלענסטער פונק האָט געקאָנט אַרויסרופן אַ בלוטיק געשלעג, וואָס וואָלט זיכער געבראַכט צו מענטשלעכע קרבנות.

די לינקע פּאַרטייען האָבן דאַמאָלס געפירט אַן ענערגישע אַגיטאַציע צווישן די זעלנער. אַ בלוטיק געשלעג צווישן אַרבעטער און זעלנער וואָלט זיי געבראַכט גרויס שאָדן. דעריבער האָבן די פירער פון די אָנגעקומענע אַרבעטער באַפוילן זייערע אָנהענגער, אַז זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן און באַיין אופן זיך נישט לאָזן אַריינציען אין אַ געשלעג. אַזוי אַרום איז דער מיטינג נישט אַראָפּגעריסן געוואָרן און איז אַדורך רואיק.

דער דאָזיקער פאַקט האָט שטאַרק געהויבן היטלערס פּרעסטיזש. מ׳האָט וועגן אים אָנגעהויבן צו רעדן אין די אַרבעטער־פאַריינען, אין די פאַבריקן און אין די שענקען און ביר־הייזער, וואו ס׳פלעגן קומען אַרבעטער. היטלער איז געווען זייער צופרידן. דאַן האָבן די אַרבעטער־פּאַרטייען זיך אומגעקערט צו דער אַלטער טאַקטיק: זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו זייערע אָנהענגער צו באָיקאָטירן היטלערס פּאַרטיי און אויסצומיידן אירע פאַראַנשטאַלטונגען. היטלער איז ווייטער געבליבן פאַראייניזאַמט. ביסלעכווייז האָט מען וועגן אים אויפגעהערט צו רעדן און ס׳איז פאַר אים ווייטער געשטאַנען די סכנה, אַז ער וועט צוריקגעשטופּט ווערן צו זיין

פריערדיקער גרויקייט און נישטיקייט. ער האָט דעריבער באַ־
שלאָסן איינצוּאָרדנען עפּעס אזא אומדערהערטן סקאַנדאַל,
אזא פּראָוואָקאַציע, וואָס זאָל איינמאָל פאר אלעמאָל צווינ־
גען זיינע קעגנער זיך מיט אים צו פאראינטערעסירן.

דער בלוטיקער מיטינג

געווען איז דאָס דעם 2־טן נאָוועמבער 1921. ארום 11
א זייגער ביינאַכט איז דער פּאָפּולערער און באַקאַנטער סאָ־
ציאַליסטישער דעפּוטאַט ערהאַרד אַאוער אהיימגעגאַנגען פון
א פּאַרטיי־זיצונג. אין א פינסטער הינטער־געסל, וואו ער
איז אדורכגעגאַנגען, איז ער פּלוצלונג באַפאַלן געוואָרן פון
צוויי פאַרשוינען, וועלכע האָבן מיטן אויסגעשריי „הייל״
צוויי מאָל אויף אים געשאָסן. די שאָסן האָבן אָבער נישט
געטראָפן. מיט א בליץ־שנעלער באַוועגונג האָט אַאוער ארויס־
געצויגן פון דער טאַש א רעוואָלווער און גענומען שיסן צו די
אָנפאַלער. זיי זענען אָבער גיך פאַרשוואונדן אין דער נאַכט־
פינסטערניש.

דער אָנפאַל אויפן פּאָפּולערן ארבעטער־פירער האָט
ארויסגערופן א געוואַלדיקע סענסאַציע נישט נאָר אין מינ־
כען, נאָר אויך אין גאַנץ דייטשלאַנד. די גאַנצע דייטשע פרע־
סע האָט געשריבן וועגן אָנפאַל און נישט באַהאַלטן איר אויפ־
רעגונג קעגן די אָנפאַלער. אלע פּאַרטייען האָבן געהאַלטן פאר
זייער חוב צו דערקלערן, אז זיי האָבן נישט קיין שום שייכות
צו דעם געמיינעם אָנפאַל. נאָר היטלער איז געווען דער איינ־
ציקער, וועלכער האָט זיך פון זיי נישט אָפּגעגרענעצט, נאָר
פאַרקערט, געגעבן אָנצוהערן, אז ער סאָלידאַריזירט זיך
מיט זיי. אלע האָבן דעריבער געהאַלטן, אז דער אָנפאַל איז
געווען היטלערס אויפטו און אז ער האָט דאָס אונטערגעשיקט
די אָנפאַלער. אין די ארבעטער־קרייזן האָט דער גאַנצער ענין
ארויסגערופן א געוואַלדיקע אויפרעגונג און ווען אויף צו

מאַרגנס האָבן זיך אויף די מויערן באַוויזן ריזיקע רויטע פּלאַקאַטן מיט דער מודעה, אַז היטלער רופט אַ גרויסן מאַסן־מיטינג — האָבן די אַרבעטער באַשלאָסן צו קומען אויפן מיטינג און אים פאַר יעדן פּרייז אַראָפּצורייסן.

און היטלער האָט ווייטער געהאַלטן אין פּראָוואָצירן די אַרבעטער. איינעם טאָג פון דעם מיטינג, דעם 4 נאָוועמבער 1921, זענען אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון מינכען אַרומגעפאָרן לאַסט־אויטאָס פול אָנגעפּאַקט מיט היטלער־לייט, וועלכע האָבן פונאַנדערגעוואָרפן פּראָקלאַמאַציעס און געוואָרפן פיינדלעכע און פּראָוואָצירנדיקע אויסרופן אויפן אַדרעס פון די סאָציאַליסטן.

דער מיטינג איז געווען באַשטימט אויף אַכט אין אָוונט. שוין האַלב אַכט האָבן גרויסע אַרבעטער־מחנות פון די פאַבריקן אָנגעהויבן שטראָמען צום לאָקאַל פון דער פאַרזאַמלונג. אַכט אַ זייגער איז שוין דער לאָקאַל געווען פול מיט סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, היטלערס פאַרביסענע קעגנער. ערשט דאַן האָבן אָנגעהויבן צו קומען זיינע מענטשן און פאַרנומען די ערטער נעבן די אַריינגאַנגס־טירן. פון היטלערס זייט איז דאָס געווען אַן אויסגערעכנטער מאַנעוור. ער האָט פאַר יעדן פּרייז באַשלאָסן אַרויסצורופן אַ בלוטיקן געשלעג. דעריבער האָבן זיך זיינע אָנהענגער גרופּירט ביי די טירן, כדי קיינעם פון די פאַרזאַמלטע נישט אַרויסצולאָזן. אַזוי אַרום זענען די אַרבעטער פאַרבלאָקירט געוואָרן אין זאַל. האַרט פאַרן אָנהייב פונם מיטינג האָט מען פאַרשלאָסן אַלע טירן אויפן שלאָס. אין דערבייאיקן צימער האָט היטלער פאַרזאַמלט די מיטגלידער פון זיין באָיובקע און געהאַלטן צו זיי אַ פייערדיקע רעדע, רופנדיק זיי צו אַ בלוטיקן משפט איבער די אַרבעטער.

„נאָר אויף אונזערע קערפּערס וועלן זיי פון דאַנען אַרויסגיין!‟ — האָט ער אויסגערופן מיט פייער. אַלע האָבן אָבער גוט פאַרשטאַנען, אַז מיינען מיינט ער נישט „אונזערע‟ קערפּערס, נאָר טאַקע „זייערע‟...

דער מיטינג איז פארגעקומען אין א ביר־הויז. די צוהערער זענען געזעסן ביי טישלעך, געטרינקען ביר און זיך צוגעהערט צו די ווערטער פונם רעדנער. היטלער האט זיך אנידערגעשטעלט אויף א טישל, וועלכן מ'האט פארוואנדלט אין א טריבונע און פון דארט־אן אנגעהויבן זיין רעדע. ער האט פאר זיך געזען הונדערטער פרעמדע פנימער, פול מיט שנאה און פאראכטונג. נאך יעדן זאץ זיינעם זענען מצד די צוהערער געפאלן צווישנרופן, וועלכע האבן אויסגעדריקט שפאט און האס. פון זיין אימפראוויזירטער טריבונע האט היטלער דייטלעך געזען די קאמפס־הכנות פון זיינע קעגנער. די הכנות זענען באשטאנען אין דעם, וואס מ'האט באשטעלט אלץ נייע און נייע קופעלס ביר און נאכן אויסטרינקען די ביר האט מען די גלעזער אוועקגעשטעלט אונטער די טישלעך. אזוי ארום האט מען אנגעזאמלט א ריזיקע צאל ביר־קופעלס, וועלכע האבן געזאלט דינען אלס געווער אינם נאנטן געשלעג. צעהיצט פון אלקאהאל און פון היטלערס רייד, האבן די ארבעטער געווארפן אלץ שארפערע און פיינדלעכערע צווישנרופן. אין א געוויסן מאמענט האט זיך איינער פון זיי אויפגעשטעלט און געגעבן מיט דער האנט א צייכן. אין דער זעלבער סעקונדע האט זיך פון טויזנט מיילער ארויסגעריסן אן אויסגעשריי: „פפוי״!... היטלער איז צעטומלט געווארן און אין זאל איז אנטשטאנען א מהומה, וועלכע האט געדויערט א פאר מינוט. ביסלעכווייז איז אבער שטיל געווארן און ס'איז נישט געקומען צו קיין שום צוזאמענשטויס.

די פארזאמלונג האט שוין געדויערט אנדערהאלבן שעה און היטלער האט אנגעהויבן מורא צו האבן, אז „פונם עסק וועט גארנישט ארויסקומען״. די קעגנער האבן טאקע רעאגירט מיט צווישנרופן, אבער ביז א געשלעג איז געווען ווייט. זעענדיק, אז די ארבעטער לאזן זיך נישט פראוואצירן, האט היטלער באשלאסן צו שפילן אויף א סטרונע, וועלכע ער האט געהאלטן פאר זייער א פילבארע. ער האט גענומען

אויסלאכן זיינע קעגנער, אפשפאטן פון זייערע קעמפער און אידעאלן און מאכן חוזק פון די „סאציאליסטישע העלדן״. ווען אויך דאס האט געהאט א קנאפע פעולה, האט ער אויס־געשאסן די שווערע באמבע: ער האט אנגעהויבן צו רעדן וועגן אנפאל אויפן דעפוטאט אאוער און דערקלערט, אז די אנפא־לער האבן גוט געטון. אין דעם מאמענט האט איינער פון די ארבעטער ארויפגעשפרונגען אויף א שטול און מיט א דיי־נערנדיקן קול א געשריי געטון:

— פרייהייט!

דאס איז געווען דער סיגנאל צום קאמף. אין דער זעלבער רגע האבן די ביר־קופעלס, וועלכע זענען געווען אנגעזאמלט אונטער די טישלעך, אנגעהויבן צו פליען אין היטלערס ריכ־טונג און זענען צושמעטערט געווארן אן דער וואנט. במשך פון איין מינוט האט זיך דער אויסזען פון זאל געענדערט נישט צום דערקענען. די היטלער־לייט האבן זיך געווארפן אויף די ארבעטער, ווי ווילדע חיות. מ'האט זיך געשלאגן מיט פויסטן און אייזערנע הענטשקעס, גומענע שטעקנס און שטולן. איבער די קעפ פון די קעמפנדיקע זענען געפלויגן ביר־גלעזער. אומבאשרייבלעכע געשרייען און געוואלדן האבן פארפולט דעם זאל.

היטלערס לייט פלעגן ארויסכאפן פון צווישן המון איינצלנע ארבעטער, זיי שלעפן צו דער טיר און זיי אראפ־ווארפן פון די שטיגן. אונטן זענען געשטאנען זייערע חברים און געשלאגן די ארבעטער מיט מעסערס און שטעקנס. היט־לער איז בסדר געשטאנען אויפן טיש און זיך צוגעקוקט צום פארלויף פון קאמף.

פלוצלונג האבן א קנאל געטון צוויי שאסן. היטלער אליין איז מודה אין זיינע זכרונות, אז די שאסן זענען געפאלן פון דער זייט פון טיר, ד. ה. פון זיינע מענטשן. אויף א רגע האט דעם זאל ארומגעכאפט א טויטע שטילקייט. קיינער האט זיך נישט געריכט, אז דער געשלעג וועט אננעמען אזעלכע פאר־

מען און אז מ׳וועט לאָזן אין גאנג היים געווער. אָבער די היטלעריסטישע מערדער האָבן געקנאַלט אָן אויפהער. דעם אַרבעטער־עולם האָט אַרומגעכאַפּט אַ ווילדע בהלה. אַלע האָבן זיך געוואָרפן צו די טירן. דאָ האָבן זיי פאַרשטעלט דעם וועג די באַוואָפנטע היטלער־לייט און געשטאָכן די אַנטלויפנדיקע מיט מעסערס און רעוואָלווערן. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ פאַרמעלע שלאַכט. טייל אַרבעטער האָבן זיך העלדיש פאַרטיידיקט. ענדלעך איז זיי געלונגען דורכצוברעכן די מערדערישע קייט און אויפברעכן די פאַרמאַכטע טירן. דער זאַל איז בליצשנעל אויסגעליידיקט געוואָרן. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ שלאַכט־פעלד. דער גאַנצער געשלעג האָט געדויערט אַ קנאַפּע האַלבע שעה.

אַרומגערינגלט דורך זיינע שלעגער האָט היטלער פאַרענדיקט זיין רעדע. און נאָכן שליסן די פאַרזאַמלונג האָט ער הערצלעך באַדאַנקט זיינע מענטשן און פייערלעך זיי געגעבן דעם נאָמען „שטורם־לייט״. אויף אַזאַ אופן זענען אַנטשטאַנען די טרויעריק באַרימטע היטלעריסטישע „שטורם־אָפּטיילונגען״, וואָס האָבן פון איצט אָן אָנגעהויבן צו ווילדעווען

איבער גאַנץ ביירן, שלאָגן און הרגענען סאָציאַליסטן,
שענדן יידישע בית־עלמינס און פאַרשפּרייטן זייער שוואַרצן טעראָר.

מ׳ווייס נישט גענוי, וויפיל קרבנות ס׳זענען געפאַלן בעת דעם דאָזיקן ערשטן בלוטיקן „אַרויסטריט״. זייער צאָל האָט זיכער דערגרייכט עטלעכע צענדליק. אָבער היטלער איז געווען זייער צופרידן מיטן „דערפאָלג״. אויף צומאָרגנס איז די גאַנצע אַרבעטער־פּרעסע פון גאַנץ דייטשלאַנד אַרויס מיט אַלאַרמירנדיקע באַשרייבונגען פונם בלוטיקן מיטינג, אָנרופנדיק היטלערן „מערדער״ און „באַנדיט״. די גאַנצע דייטשע אַרבעטערשאַפט איז מיטאַמאָל געוואויר געוואָרן, אַז אַזאַ פאַרשוין מיטן נאָמען היטלער עקזיסטירט אויף דער וועלט און אַז ער האָט זיך געשטעלט פאַרן ציל צו פאַרגיסן וואָס מער

ארבעטער־בלוט. היטלערס נאמען האט זיך באוויזן אויף אלעמענס ליפן. דאס פארגאסענע בלוט איז נישט געגאנגען לאיבוד: היטלער איז ענדלעך געווארן „בארימט״.

פון דעם מאמענט אן האט ער אלץ עפטער אנגעהויבן זיך צו באנוצן מיט דער דאזיקער טאקטיק. בלוטיקע געשלעגן מיט ארבעטער זענען געווארן אפטע דערשיינונגען. די „שטורם־אפטיילונגען״ האבן שוין איצט געציילט א פאר הונדערט מאן, געוועזענע זעלנער און סתם טונקעלע פארשוינען. זיי זענען געווען גוט באוואפנט און האבן געזייט ארום זיך בלוטיקן טערער. צו דער צייט האט היטלער שוין באוויזן צו באזייטיקן אלע זיינע קאנקורענטן און געווארן אליינהערשער אין דער פארטיי.

איטגיכן האט ער זיך ארומגעזען, אז מינכען איז פאר אים א צו שמאלע ארענע. ער האט אנגעהויבן צו „עקספארטירן״ זיינע מערדערישע טעראר־אקטן. אזוי ווי אויסער מינכען האט די פארטיי כמעט אין ערגעץ קיין אפטיילונגען נישט געהאט, פלעגט זיך היטלער איינארדנען אויף אזא אופן: ער האט געלייענט אין די צייטונגען, אז אין אזא און אזא שטעטל דארף פארקומען א סאציאליסטישע בעראטונג אדער מיטינג. אינם טאג פון דער פארזאמלונג פלעגט ער פלוצלינג ארופקומען מיט א חברה באוואפנטע שלעגער און אומגעריכט באפאלן די ארבעטער, וועלכע האבן זיך אויף גארנישט געריכט און זענען געווען נישט־באוואפנט. ס'איז זיך לייכט פארצושטעלן, אז כמעט שטענדיק האבן די היטלעריסטישע שלעגער אפגעהאלטן א נצחון. בפרט אז היטלער האט שטענדיק אזוי קאמבינירט, אז די אנפאלער זענען געווען אין אן איבערוויגנדער צאל, ד. ה. ער האט שטענדיק באפאלן נאר שוואכערע. ווען ס'איז פונקט קיין פארזאמלונג נישט געווען, האט ער זיך באגנוגנט מיט פאגראמירן ארבעטער־לאקאלן און סתם באפאלן איינצלנע ארבעטער אויף די גאסן. אויף אזא אופן ווערט ער שנעל „פאפולער״ אין מינכען און אומגעגנט.

די דאָזיקע „פּאָפּולערקייט“ האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. די אַרבעטער האָבן אָנגענומען מיטלען קעגן די טעראָריסטישע אָנפאַלן און היטלערס חברה־לייט האָבן אָנגעהויבן צו קריגן פון זיי אין די ביינער. אויסערדעם האָט מען זיך שוין צוגעוואוינט צו די שלעגערייען און די צייטונגען האָבן אויפגעהערט וועגן דעם צו שרייבן. דאָס האָט היטלער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט ווידער געמוזט צוטראַכטן עפּעס אַזוינס, אַז אַלע זאָלן ווייטער נעמען וועגן אים רעדן. אין גיכן האָט זיך געמאַכט אַ פּאַסנדיקע געלעגנהייט.

דער קאָבורגער פּאָגראָם

אין אָקטאָבער 1922 האָבן די בייערישע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס באַשלאָסן צונויפרופן קיין קאָבורג אַ „דייטשן טאָג“ פון אַלע רעכטע גרופּירונגען. אויך היטלער האָט פון די אָרגאַניזאַטאָרן באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען קיין קאָבורג. אין דער איינלאַדונג האָט מען געבעטן אַלע אָנטיילנעמער צו קומען „מיט באַגלייטונג“.

היטלערס „באַגלייטונג“ איז באַשטאַנען פון אַכט הונדערט שלעגער, וועלכע האָבן מאַרשירט אויף אַ מיליטערישן שטייגער, מיט אַן אָרקעסטער פון 42 מאַן אין דער שפּיץ און מיט אַן אַ שיעור רויט־ווייסע פענער.

אויפן באַנהויף אין קאָבורג האָבן היטלערן אָפּגעוואַרט די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם „טאָג“. ווען זיי האָבן דערזען זיין אַרמיי, זענען זיי געוואָרן שטאַרק אומרואיק. די סיבה פון זייער אומרואיקייט איז געווען אָט וואָס: איידער מ'האָט באַשטימט דעם „טאָג“ האָבן זיך די אָרגאַניזאַטאָרן פאַרשטענדיקט מיט די לינקע עלעמענטן פון דער שטאָט און געשלאָסן מיט זיי אַן אָפּמאַך, אַז זיי וועלן נישט שטערן דעם רואיקן פאַרלויף פונעם צוזאַמענפלי און נישט איינאָרדנען קיין שום קאָנטער־דעמאָנסטראַציע. דערפאַר האָבן זיך די אָרגאַניזאַטאָרן

פאַרפליכטעט נישט איינצואָרדנען קיין גאַסן־מאַניפעסטאַ־ציעס, נישט מאַרשירן דורך די גאַסן אין געשלאָסענע רייען און נישט פאַנאַדערוויקלען די פענער, מיט איין וואָרט נישט צו טון גאָרנישט, וואָס זאָל קענען פּראָוואָצירן און רייצן די אַרבעטער.

ווען מ׳האָט וועגן דעם דערציילט היטלערן, האָט ער אויסגעלאַכט די אָרגאַניזאַטאָרן. ס׳טייטש, ער וועט נישט איינאָרדנען קיין דעמאָנסטראַציע־צוג? זיין גאַנצע טאַקטיק איז דאָך באַשטאַנען אין אַרויסרופן סכסוכים און געשלעגן מיט די אַרבעטער און דאָ הייסט מען אים פּלוצלינג זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ געלעגנהייט! ער האָט קאַטעגאָריש דער־קלערט די אָרגאַניזאַטאָרן פונם „טאָג״, אַז ער לאַכט זיך אויס פון זייער אָפּמאַך און ער פאַרשטייט בכלל נישט, ווי אַזוי נאַציאָנאַליסטן קענען שליסן אָפּמאַכן מיט „די דאָזיקע הערן״. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום בקשות אָדער אַרגומענטן. אויף היטלערס צייכן האָבן זיך זיינע מענטשן אויסגעשטעלט אין די רייען, פונאַנדערגעוויקלט די פענער און אונטער די קלאַנגען פונם אָרקעסטער אַריינגעמאַרשירט אין שטאָט. הגם מ׳האָט אים באַשטימט אַ לאָקאַל אין צענטער שטאָט, האָט ער אָבער בכיוון געפירט זיינע אָפּטיילונגען אין די אַר־בעטער־קוואַרטאַלן, כדי נאָך מער צו רייצן די אַרבעטער.

ווען היטלערס צוג האָט זיך באַוויזן אויף די אַרבעטער־גאַסן, האָט מען אים באַגעגנט מיט דער העכסטער אויפרעגונג און פיינטלעכע אויסרופן. פון אַלע זייטן, פון די פענסטער און טראָטואַרן האָבן זיך אַ שאָט־געטון פון אַרבעטער־עולם זידל־ווערטער:

— מערדער!

— באַנדיטן!

— רויבער!

— פאַרברעכער!

האָבן געשריגן די אויפגערעגטע אַרבעטער. היטלערס

לייט האָבן אויך נישט געשוויגן און געוואָרפן פּראָוואָצירנדי־קע און אַרבעטער־פיינטלעכע לאָזונגען. דאָס האָט אַזוי אויפ־געדעגט די אַרבעטער, אַז זיי האָבן באַוואָרפן די כוליגאַנעס מיט אַ האָגל שטיינער. מער האָט היטלער נישט געדאַרפט. אויף זיין באַפעל האָבן זיך זיינע מענטשן אַ לאָז געטון איבער די געסלעך און פּלעצער, שיסנדיק און שלאָגנדיק מכות־רצח די נישט־באַוואָפנטע פאַרבייגייער. במשך פון אַ האַלבער שעה זענען אונטער זייערע קלעפּ געפאַלן צענדליקער קרבנות, לייכט און שווער פאַרוואונדעטע.

דאָס איז אָבער ערשט געווען דער אָנהויב. דער אמתער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן ביינאַכט. ווען די אַרבעטער האָבן פאַרלאָזן די פאַבריקן, האָבן זיי די כוליגאַנעס באַשאָטן מיט רעוואָלווער־שאָסן, געשלאָגן אומברחמנותדיק איינצלנע אַר־בעטער־טוער, פּאָגראָמירט אַרבעטער־לאָקאַלן און חרוב גע־מאַכט זייערע איינריכטונגען. דער פּאָגראָם האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווי צעווילדעוועטע חיות האָבן זיך די היטלעריסטן אַרומגעטראָגן איבער די גאַסן, פאַרשפּרייטנדיק אימה און טעראָר.

אויף צומאָרגנס האָבן זיך אויף די גאַסן באַוויזן פּלאַנג־דיקע פּראָקלאַמאַציעס:

„חברים און חברטעס פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלע־טאַריאַט!

„תליינים האָבן זיך אַריינגעריסן אין אונזער רואיקער שטאָט און אָנגעהויבן אַ בלוטיקע מלחמה קעגן די אַרבעטער. חברים, לאָמיר זיך פאַרטיידיקן, לאָמיר אַרויסטרייבן די באַנ־דע פון אונזער שטאָט. קומט אַלע אויף דער גרויסער פאָלקס־דעמאָנסטראַציע אויפן גרויסן־פּלאַץ".

איצט איז געקומען דער בלוטיקער פינאַל פונם פּאָגראָם. היטלער האָט אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ פון אַלע זייטן און אין אַ געוויסן מאָמענט אָנגעהויבן פון אַלע זייטן שיסן אויפן פאַרזאַמלטן עולם. ס'איז אויסגעבראָכן אַ געוואַל־

דיקע מהומה. אַזוי ווי היטלערס לייט האָבן געהאַט אַן איבערוויגנדע מערהייט און זענען אַלע געווען באַוואָפנט, האָט דער קאַמף לאַנג נישט געדויערט. צענדליקער פאַרוואונדעטע זענען געבליבן אויפן פּלאַץ, הונדערטער צושלאָגענע און צוקאַליעטשעטע האָבן קוים באַוויזן צו אַנטלויפן.

די ידיעה וועגן שרעקלעכן פּאָגראָם אין קאָבורג און וועגן היטלערס פאַרעטערישע האַנדלונג האָט זיך בליצשנעל פונאַנדערגעטראָגן אין גאַנצן אומגעגנט. פון אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען הונדערטער באַוואָפנטע אַרבעטער, כּדי צו ברענגען הילף די קאָבורגער חברים און צו געבן די מערדער אַ בלוטיקע לעקציע. היטלער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט ליב געהאַט צו האָבן צו טון נאָר מיט שוואַכערע און קלענערע אין צאָל. איצט אָבער האָט ער געקאָנט באַקומען אַ מיאוסן פּסק. ער האָט לאַנג נישט געוואַרט און באַשלאָסן תּיכף צו פאַרלאָזן קאָבורג. ער האָט ווייטער אויסגעשטעלט זיינע מענטשן אין מיליטערישע רייען און מיט מוזיק און פענער גענומען מאַרשירן צום באַנהויף. דאָ האָט אים אָבער דערוואַרט אַ נישט־אָנגענעמער סורפּריז.

די באַן־אַרבעטער האָבן דערקלערט אַ שטרייק און געמאָלדן, אַז קיין באַנדיטן און מערדער וועלן זיי נישט פירן. די לאַגע איז געווען זייער אַן ערנסטע. גיין צופוס קיין מינכען איז געווען אַן אומזין. די באַוואָפנטע אַרבעטער וואָלטן זיי זיכער נאָכגעיאָגט און דאַן וואָלט געקומען אַ סוף צו היטלערס אַוואַנטוריסטישע פּלענער. היטלער האָט דעריבער געמוזט האַנדלען שנעל און ענערגיש.

— וואו שטייט דער צוג? — האָט ער אַ פרעג געטון דעם סטאַציע־נאַטשעלניק.

יענער ענטפערט נישט.

היטלער נעמט שווייגנדיק אַרויס דעם רעוואָלווער און פרעגט נאָך אַמאָל מיט אַ דראָענדיקער שטימע:

— וואו שטייט דער צוג?!

— דאָרט, אויף דער צווייטער ליניע... — ענטפערט א באַן־ארבעטער, וואָס שטייט דערלעבן. ער ווייזט אָן מיט דער האַנט דעם צוג און לאַכט בייזוויליק.

— אריין אין די וואַגאָנעס! — באַפעלט היטלער זיינע מענטשן. זיי פירן שנעל אויס דעם באַפעל. אָבער וואָס קומט דערפון ארויס, אַז קיין לאָקאָמאָטיוו איז נישטאָ. היטלער גייט ווייטער צום סטאַציע־נאַטשעלניק און פאָדערט א לאָקאָ־ארויס אויפן פּעראָן. דאָרט שטייט א גרופּע באַן־ארבעטער. ער מאָטיוו. יענער ענטפערט ווייטער נישט. דאַן פאַלט היטלער לויפט צו זיי צו מיט א גרופּע שלעגער.

— איר וועט פירן דעם צוג צי נישט?

אָנגעכמורעטע פּנימער, פול מיט שנאה, קוקן אויף אים.

— מיר האָבן דאָך געזאָגט, אַז נישט...

— וועלן מיר אליין פאָרן!..

צווישן די באַן־ארבעטער ברעכט אויס א געלעכטער:

— פאָרט אייך געזונטערהייט... פאָרט אריין גלייך אין גיהנום... און אַז ס'וועט געשען א קאַטאַסטראָפע — וועט אויך קיין לאָך אין הימל נישט זיין...

פּלוצלינג טוען א בליץ־אויף צוואַנציק רעוואָלווערן. די באַן־ארבעטער ווערן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך היט־לערס שלעגער.

— איר וועט מיט אונז מיטפאָרן! — שרייט היט־לער. — און נישט בלויז איר, נאָר אויך א צענדליק אייערע רויטע אָנפירער. אויב ס'איז אונז שוין באַשערט צו שטאַרבן, וועלן לכל הפּחות שטאַרבן מיט אונז צוזאַמען א פּאָר צענדליק רויטע הינט!

ס'הויבט זיך אָן א געשלעג. די כוליגאַנעס שלאָגן די באַן־ארבעטער מיט רעוואָלווערן איבער די קעפּ. איינער א שוואַ־כערער גיט־נאָך און דערקלערט, אַז ער וועט פירן דעם צוג. א טריאומף־געשריי רייסט זיך ארויס ביי די כוליגאַנעס. זייע־

רע פרייליכע „הייל״־אויסרופן פארהילכן דעם טומל פון באַנהויף.

אין א ווײַלע אַרום האָט זיך באַוויזן דער לאָקאָמאָטיוו. אין אים האָבן זיך אַרײַנגעזעצט צוויי באַן־אַרבעטער און פיר היטלעריסטן. זיי האָבן דעם מאַשיניסט צוגעשטעלט א רעוואָלווער צו דער שלייף. דער צוג רירט. מיט אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער בײַ דער שלייף פירט דער מאַשיניסט דעם צוג אויפן גאַנצן שטח פון קאָבורג קיין מינכען.

ענדלעך באַווײַזן זיך די ליכטער פון דער בײַערישער הויפּט־שטאָט. היטלער אָטעמט אָפּ מיט דערלייכטערונג. ס'אַרא פּחדנים די באַן־אַרבעטער זענען! — קלערט ער בײַ זיך. ווען ער וואָלט געווען אויף זייער אָרט, וואָלט ער זיכער דערפירט צו א קאַטאַסטראָפע. ער וואָלט טאַקע אומגעקומען, אָבער צוזאַמען מיט אים וואָלטן דאָך אומגעקומען אכט־הונדערט פאַרביסענע שונאים! ס'אַרא פּחדנים, ס'אַרא נאַראָנים זיי זענען, די דאָזיקע באַן־אַרבעטער!

דער אויפשטאַנד אין מינכען

דער קאָבורגער פּאָגראָם האָט געעפנט א נײַע תקופה אין דער היטלער־באַוועגונג. די אַרבעטער־פּרעסע פון גאַנץ דײַטשלאַנד האָט טאָג־איין טאָג־אויס געשריבן וועגן היטלערן, זײַן נאָמען איז נישט אַראָפּ פון די מײַלער אין די פאַבריקן, פּראָפעסיאָנעלע פאַרייִנען און אַרבעטער־בירשטובן. מ'האָט גערעדט וועגן אים מיטן גרעסטן האַס און פאַראַכטונג. נישט אַלע אָבער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אים. א טייל רעאַקציאָנערע צײַטונגען האָבן מיט גרויס צופרידנהייט געשריבן פון אים אַלס פון א נײַ־אויפגייענדיקן שטערן און האָבן אים פאָרויסגעזאָגט א גרויסע צוקונפט, אויב ער וועט ווײַטער גיין אויפן וועג פון בלוטיקע קאַמפן מיט אַרבעטער. די שבחים פון

דער רעאַקציאָנערער פּרעסע האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט היטלערס חוצפּה און די אָנפאַלן אויף אַרבעטער זענען געוואָרן טעגלעך ברויט פאַר זיינע שטורם־אָפּטיילונגען. די רייען פון די שטורם־אָפּטיילונגען זענען שטאַרק געוואַקסן. ס'האָבן זיך אין זיי געשאַרט אַלערליי אונטערוועלט־העלדן און אויסוואורפן, וועלכע זענען צוגעצויגן געוואָרן דורך דער פּערספּעקטיוו פון שטראָפלאָזע רויב־אָנפאַלן און מערדערייען. אָבער אויסער זיי זענען אויך אַריינגעטרעטן אַ סך געוועזענע זעלנער ווי אויך סתם אַרבעטסלאָזע, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. אין אָנהויב 1923 האָבן שוין די שטורם־אָפּטיילונגען געציילט העכער זעקס טויזנט מאַן.

דאָס יאָר 1923 איז געווען אַ צייט פון שטורמישן וואַקסן פון דער היטלערישער פאַרטיי. אין פרילינג האָט דאָס פראַנצויזישע מיליטער באַזעצט דאָס רור־געביט. דאָס האָט צווישן אַלע שיכטן פון דייטשן פאָלק אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג און געשאַפן אַ דאַנקבאַר פעלד פאַר היטלערס העצערישע שאָוויניסטישע אַרויסטרעטונגען. אויך די אינערלעכע לאַגע איז געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלע. ס'איז געווען דער סאַמע בראָן פון דער אינפלאַציע. די דייטשע מאַרק האָט פון שעה צו שעה פאַרלוירן איר ווערט, מיליאָנען מענטשן פלעגן במשך פון איין נאַכט ווערן רואינירט און פאַרוואַנדלט אין אביונים. דאָס גאַנצע פאָלק איז געוואַלדיק פאַראָרעמט געוואָרן, הונגער און נויט האָט גענומען אַריינקוקן אין אַלע שטובן. פאַרצווייפלונג און יאוש האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. די ראַדיקאַלע פאַרטייען האָבן געוואונען אַלץ אַ גרעסערן איינפלוס אויף די מאַסן, די השפּעה פון די קאָמוניסטן איז געוואַלדיק געשטיגן.

היטלער האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר אין אַזאַ צייט פון כאַאָס און פאַרביטערונג קען ער זיך אַרויפכאַפּן אויפן זאָטל. ער אַנטוויקלט אַ פיבערהאַפטע אַגיטאַציע, פאָרט אַרום איבער שטעט און שטעטלעך

אין דער באגלייטונג פון זיינע שלעגער, שלאגט זיך מיט ארבעטער און פירט זיין העצערישע פראפאגאנדע. ער העצט קעגן די פראנצויזן, קעגן קאמוניסטן, קעגן יידן, קעגן אלץ און אלעמען. גאר אינגיכן ווערט ער אין בייערן אן ערנסטע קראפט. ער סטראשעט די בייערישע פריצים און רייכע פויערים, די אינדוסטריעלער און גרובן־אייגנטימער מיט דער קאמוניסטישער געפאר, וועלכע איז געווארן גרעסער פון טאג צו טאג. פונקט אזוי ווי בייערן איז געווארן די פעסטונג פון דער רעאקציע, אזוי זענען די שכנותדיקע פראווינצן זאקסן און טירינגען געווארן פעסטונגען פון די קאמוניסטן. ס'האט זיך געדאכט, אז אט אט ברעכט אין זיי אויס א קאמוניסטישע רעוואלוציע. אין א פאר זאקסישע שטעט איז מען שוין אפילו צוגעטרעטן צו שאפן ארבעטער־ראטן און די קאמוניסטן צוזאמען מיט די „אומאפהענגיקע" האבן זיך געגרייט צו בילדן א בשותפותדיקע ארבעטער־רעגירונג.

היטלער האט באשלאסן אונטערצונעמען א קאנטער־אפענסיווע. זיין פלאן איז געווען זייער איינפאך. מאכן א מלוכה־איבערקערעניש אין בייערן, פארכאפן דארט די מאכט און מארשירן אויף בערלין. נאכן איינגעמען בערלין האט ער געוואלט אנווענדן אלע כוחות קעגן די רעוואלוציאנערע פראווינצן און דערטרינקען אין טייכן בלוט די צעבונטעוועטע ארבעטער. כדי אדורכצופירן דעם דאזיקן „באשיידענעם" פלאן האט ער זיך פארשטענדיקט מיטן בארימטן גענעראל לודענדארף און דורך אים האט ער אנגעקניפט פארבינדונגען מיט די פירער פון דער בייערישער רעגירונג לאסאוו און קאר. ארום היטלערן האבן זיך אנגעהויבן גרופירן אלערליי נאציאנאליסטישע מיליטערישע ארגאניזאציעס און פארבאנדן, הויכע פאליציי־באאמטע האבן אים באזארגט מיט געווער, און די אינדוסטריעלער און פריצים האבן נישט געקארגט קיין געלט פאר א מענטשן, וועלכער האט זיי צוגעזאגט צו פארטיליקן די רויטע געפאר.

דעם 3־טן נאָוועמבער 1923 איז ביי פאָן־קאַרן פאָרגעקומען אַ געהיימע באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן אַנטייל גענומען אַ חוץ היטלערן און לודענדאָרפן פאָלגנדיקע פערזאָנען: פאָן־קאַר, וועלכער איז געווען שעף פון דער בייערישער רעגירונג, אַרמיי־אָנפירער גענ. לאָסאָוו און פאָליציי־פּאָלקאָווניק זייסער. היטלער האָט געשטורעמט. ער האָט פאַרלאַנגט, מ'זאָל תיכף באַשטימען די דאַטע פונם אויפשטאַנד. מיט אַן אויפגערעגטער שטים האָט ער פרובירט איבערצייגן די אַנוועזנדע, אַז מ'טאָר מער נישט וואַרטן, אַז דאָס פאָלק בענקט נאָך אַן איבערקערעניש און אַז דער דערפאָלג איז אַ געזיכערטער.

היטלער האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. ער האָט געמוזט פאַר יעדן פרייז אויסנוצן די געלעגנהייט, וועלכע וועט זיך שוין אפשר נישט איבערחזרן. אָבער די פערזאָנען, מיט וועלכע ער האָט גערעדט, האָבן יאָ געהאַט אַ סך צו פאַרלירן. אויב דער אויפשטאַנד וואָלט זיך נישט איינגעגעבן, וואָלטן זיי אַלץ אָנגעוואוירן, דעריבער זענען זיי געווען זייער פאָרזיכטיק, מורא האָבנדיק פאַר דער ריזיקאַלישער און אַוואַנטוריסטישער אונטערנעמונג. זיי האָבן כסדר אָפּגעשלעפט דעם ענין, דערפירנדיק דעם היציקן אַוואַנטוריסט ממש צו פאַרצווייפלונג. ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט וואַרטן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז די צייטן וועלן ווערן נאָרמאַל און דאַמאָלס וועט ער צוריק ווערן אַ גרויער פלעק. אויסער דעם האָבן זיך זיינע שטורם־אָפּטיילונגען געבונטעוועט. ער האָט זיי כסדר צוגעזאָגט, אַז אָט־אָט באַקומען זיי די מאַכט און וועלן קענען פריי אַ הוליע־טון, באַקומענדיק נאָך דערפאַר גרויסע באַלוינונגען און פאָסטנס. אַ חוץ דעם אַלעם האָט זיך נאָך אויפן האָריזאָנט באַוויזן אַ געפערלעכער קאָנקורענט, וועלכער האָט אים געקאָנט אויסכאַפּן די בכורה און פריער פון אים מאַכן די זעלבע קונץ. דאָס איז געווען אַ געוויסער קאַפּיטאַן ערהאַרד, וועמענס אָרגאַניזאַציע איז באַשטאַנען פון

אַ פּאָר טויזנט ערשטקלאַסיק באַוואָפנטע מענטשן. ערהאַרד האָט פאַרמאָגט גרויסע קאַפּיטאַלן און האָט זיך אויך געגרייט צו אַ מאַרש אויף בערלין.

— גערעכנט, — האָט היטלער געשריגן צו פאָן־קאַר, — אַז איצט איז די פּאַסיקסטע געלעגנהייט... מיליאָנען דייטשן זענען פאַראָרעמט געוואָרן, האָבן פאַרלוירן זייער גאַנץ פאַרמעגן... איצט זענען זיי גרייט אויף אַלץ... זיי וועלן מיט פרייד אונדז אונטערשטיצן... ס'איז די העכסטע צייט עפּעס צו טון!...

אָבער פאָן־קאַר ענטפערט מיט אַן אייזיקער שטים:

— מיר מוזן נאָך צוּוואַרטן... כאָטש אַ דריי־פיר טעג...

היטלער איז אויסער זיך. ער איז חושד, אַז מ'נאַרט אים אָפּ, אַז מ'וויל אים פאַראַטן. דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו שטעלן אַלץ אין קאָן און אוועקשטעלן זיינע פאַרבינדעטע פאַר אַ געשעענעם פאַקט. ער אַרבעט אויס אַ פּלאַן, וועלכן ער טרויט־אָן נאָר לודענדאָרפן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיך באַוויזן אויף די מויערן גרויסע אַפישן, אַז ס'דאַרף פאָרקומען אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער פאָן־קאַר גופא וועט האַלטן אַ גרויסע פּאָליטישע רעדע. די פאַרזאַמלונג איז באַשטימט געוואָרן אויפן 8־טן נאָוועמבער 1923, ערב דעם פינפטן יאָר־טאָג פון דער דייטשער רעפּובליק. נאָך מיט אַ פּאָר שעה פאַר דער באַשטימטער צייט איז דער ריזיקער זאַל פאַרפולט געוואָרן דורך אַ פיר־טויזנטקעפּיקן עולם, וועלכער האָט געוואָלט וויסן, וואָס עס וועט זאָגן וועגן דער לאַגע דער שעף פון דער רעגירונג. ענדלעך האָט זיך אויף דער טריבונע באַוויזן פאָן־קאַר אין דער באַגלייטונג פון לאָסאָוון און זייסערן. ס'איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. ווען עס איז געוואָרן שטיל, האָט פאָן־קאַר אָנגעהויבן זיין רעדע. פּלוצלינג אָבער איז געשען אַן אומדערוואַרטעטע זאַך. די אַריינגאַנג־טיר פונם זאַל האָט זיך ברייט געעפנט און אַ גרופּע באַוואָפנטע מענער אין מיליטערישע מונדירן איז אַריין אין זאַל און מיט רעוואָלווערן אין די

אויסגעשטרעקטע הענט זיך אַ לאָז געטון גלייך צו פאָן־קאַרן. אַ טויטע שטילקייט האָט באַהערשט דעם ריזיקן זאַל. פאָן־קאַר בלייך ווי קאַלך איז אָן באַוועגונג געשטאַנען אויף דער טריבונע, צוקוקנדיק ווי די באַוואָפנטע מענטשן רינגלען אים אַרום. פּלוצלינג האָט ער דערזען אָן זייער שפּיץ היטלערן. „וואָס וויל ער דאָ טון, דער אַוואַנטוריסט — קלערט ער ביי זיך. — וועט ער אונז אַרעסטירן? אָדער גאָר דערשיסן?"

אין דער זעלבער רגע האָט היטלער אַרויפגעשפּרונגען אויף דער טריבונע און מיט אַ דונערנדיקער שטימע אויסגערופן:

— מיר זענען נישט קעגן פאָן־קאַרן!

ער האָט אויפגעהויבן די האַנט מיטן רעוואָלווער און אַ צי־געטון פאַרן צינגל. אַ שאָס האָט אַ קנאַל געטון איבערן דערשראָקענעם זאַל. און ווידער האָט זיך דערהערט היטלערס שטים:

— די רעגירונג איז אַראָפּגעזעצט! מיר פּראָקלאַמירן די נאַציאָנאַלע רעפּובליק!

עס ברעכט אויס אַ געוואַלדיקער טומל. מען זעט, ווי היטלער רעדט עפּעס היציק צו פאָן־קאַרן און לאָסאָוון. ביידע מלוכה־מענער שטייען אינגאַנצן צעמישט און בלייך ווי קאַלך. היטלער פאַרבעט זיי מיט אַ האַנט־באַוועגונג אין צווייטן צימער, און אַלע דריי גייען זיי אַרויס פון זאַל.

אויף דער ליידיקער טריבונע כאַפּט זיך אַרויף אַ מיליטער־מאַן און האַלט אַ רעדע.

— היינט הויבט זיך אָן די נאַציאָנאַלע רעפּובליק. זי איז נישט געווענדעט קעגן פאָן־קאַרן, נאָר קעגן דער בערלינער יידישער רעגירונג...

פּלוצלינג באַווייזן זיך ווידער אויף דער טריבונע היטלער, קאַר און לאָסאָוו.

דער מיליטער־מאַן לויפט שנעל אַראָפּ אין מיטן זאַל און עס פאַלן ווייטער ווי האַרמאַטן־קוילן היטלערס ווערטער:

— מיר האָבן אַראָפּגעוואָרפן די נאָוועמבער־פאַרברעכער! עבערט איז אַראָפּגעזעצט! מלוכה־שעף פון בייערן בלייבט פאָן־קאַר, אַרמיי־אָנפירער — לודענדאָרף, קאָמענדאַנט פון רייכסווער — לאָסאָוו, פּאָליציי־קאָמענדאַנט — זייסער... און איך... איך ווער דער לייטער פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג...

אויף דער טריבונע שטעלט זיך אַוועק קאַר ער איז בלייך, ער קען נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט פאַר אויפרעגונג.

— קאַר! זאָל רעדן קאַר! — פאַרלאַנגט מען פון עולם.

פאָן־קאַר הויבט אויף די האַנט ווי צו אַ שבועה און דערקלערט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים:

— אינם טיפסטן עלנט פון מיין פאָטערלאַנד נעם איך איבער די מלוכה־לייטונג אַלס פאַרטרעטער פון דער מאָנאַרכיע. איך טו דאָס מיט אַ שווער האַרץ, כ׳גלויב אָבער, אַז ס׳וועט זיין פאַר דייטשלאַנדס טובה...

*   *

*

ווי נאָר די פאַרזאַמלונג איז געשלאָסן געוואָרן, האָט זיך היטלער גענומען צו פיבערהאַפטער אַרבעט. זיינע „פאַרבינדעטע” האָט ער איבערגעלאָזט אין לאָקאַל, וואו די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, און באַפוילן לודענדאָרפן ער זאָל זיי בשום אופן נישט לאָזן אַרויסגיין, ביז ער, היטלער, וועט צוריקקומען. דאַן איז ער אַרויס מיט זיינע שטורם־אָפּטיילונגען אין גאַס, כדי צו פאַרכאַפּן אַלע וויכטיקסטע מלוכה־בנינים. ער האָט באַזעצט מיט זיינע מענטשן די פּאָסט־ און טעלעגראַפן־געביידע און דערנאָך, ווי זיין שטייגער איז, זיך געלאָזט אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, וואו ער האָט איינגעאָרדנט אַ בלוטיקן פּאָגראָם. ער האָט פּאָגראָמירט אַרבעטער־לאָקאַלן, געשלאָגן מכות־רצח אַרבעטער־טוער, אַרויסגעשלעפּט אין

מיטן דער נאַכט פון בעט און געפייניקט דעם סאָציאַליסטישן בירגערמייסטער שמידט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט היטלער פיבערהאַפט געאַרבעט. אַרום פינף אַ זייגער באַגינען איז ער צוריקגעקומען צו זיינע „פאַרבינדעטע“, אַ טריאומפירנדיקער און אַ שטאָלצער. די גאַנצע מאַכט האָט זיך געפונען אין זיינע הענט, אַלע וויכטיקע געביידעס זענען באַזעצט געוואָרן דורך זיינע מענטשן. איצט וועלן שוין פאָן־קאַר און לאָסאָוו נישט וואַקלען און פאַר אים היטלערן עפנט זיך ענדלעך די אמתע גרויסע קאַריערע. וועגן וועלכער ער האָט געחלומט זיין גאַנץ לעבן. אַ קלייניקייט עפּעס — ער, דער געוועזענער מיליטער־געהילף און דער לאַ־יוצלח, איז איצט לייטער פון דער ביירישער רעגירונג!...

ס׳האָט אים אָבער דערוואַרט אַ ביטערע אַנטוישונג, די שרעקלעכסטע אַנטוישונג אין זיין לעבן.

וואָס־זשע איז פאָרגעקומען אין דעם פאַרזאַמלונגס־לאָקאַל בשעת היטלער האָט מיט זיינע אָפּטיילונגען באַזעצט די שטאָט?

ווי נאָר היטלער האָט פאַרלאָזט דעם לאָקאַל, האָבן די פאַרהאַלטענע מלוכה־מענער באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז זיך פון דאָרטן אַרויסבאַקומען. זיי האָבן קיין איין רגע נישט געגלויבט אין דערפאָלג און האָבן געוואָלט ווי אַמשנעלסטן זיך אַרויסצודרייען פון דער גאַנצער אַפערע, אין וועלכער דער אַוואַנטוריסט היטלער האָט זיי אַריינגעצויגן קעגן זייער ווילן. זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז מיט כוח וועלן זיי נישט קענען זיך אַרויסקריגן פון לאָקאַל, וועלכער איז געווען געהיטן דורך אַ שטאַרקע שטורעם־אָפּטיילונג. זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן צו האַנדלען אַנדערש.

גענעראַל לאָסאָוו איז צוגעגאַנגען צו לודענדאָרפן און קוקנדיק דעם אַלטן פעלדמאַרשאַל גלייך אין די אויגן, האָט ער שאַרף אַ פרעג־געטון:

— עקסעלענץ, צי זענען מיר אַרעסטירט? צי האָבן מיר

נישט דערקלערט פאַרן גאַנצן עולם, אַז מיר זענען מיט אייך? איך בין אַן אָפיציר און אַ גענעראַל... וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּיל? ערשט מיט אַ שעה צוריק גיט מען אונז די העכסטע פּאָסטנס אין דער מלוכה און איצט האַלט מען אונז פאַר־שפּאַרט ווי פאַרברעכער?...

לודענדאָרף ענטפערט גאָרנישט.

— מיר גיבן אייך אונזער ערן־וואָרט, — זאָגט היציק לאָסאָוו, — דאָס ערן־וואָרט פון אָפיצירן, אַז מיר שטייען געטריי אויף אייער זייט...

אַלע דריי שטרעקן־אויס די הענט צו לודענדאָרפן. דער אַלטער פעלדמאַרשאַל איז נישט קיין דיפּלאָמאַט, ער איז אַ מיליטער־מאַן און דאָס ערן־וואָרט פון אַן אָפיציר איז פאַר אים הייליק. ער דריקט די אויסגעשטרעקטע הענט און לאָזט די פאַרהאַלטענע פריי אַרויסגיין. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז ער טוט אָפּ אַ שרעקלעכן פעלער, אַ אומגעהויערע נאַרישקייט. ער האָט אָבער נישט קיין עצה: דאָס ערן־וואָרט פון אַ דייטשן אָפיציר איז דאָך הייליק....

קאַר, לאָסאָוו און זייסער פאַרלאָזן דעם לאָקאַל. ס'איז באמת אַ נס פאַר זיי. זיי האָבן באמת נישט געגלויבט, אַז ס'וועט זיי געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען פון היטלערס הענט. זיי שפּרינגען אַריין אין אַן אויטאָמאָביל און הייסן זיך פירן אין די קאַזאַרמעס פון 13־טן פּולק. דאָרט נעמט מען זיי אויף מיטן גרעסטן פּאַראַד. לאָסאָוו גייט תיכף צו צו דער ראַדיאָ־סטאַציע פון פּולק און שיקט פאַנאַנדער אין אַלע עקן וועלט דעם פאָלגנדיקן קאָמוניקאַט:

„צו אַלע ראַדיאָ־סטאַציעס!

„רעגירונגס־קאָמיסאַר פאָן קאַר, גענעראַל פאָן לאָסאָוו, פּולקאָווניק זייסער זענען קעגן היטלערס אַוואַנטורע. די דער־קלערונג אויף דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג איז אונז אויפגעצוואונגען געוואָרן מיט געווער אין האַנט און איז נישט גילטיק".

אין דער זעלבער מינוט באַווייזט זיך פאַר לאָסאָוון דער

קאַפּיטאַן ערהאַרדט, היטלערס קאָנקורענט. ער שטעלט זיין
אוועק צוזאַמען מיט זיין אָרגאַניזאַציע צו דער דיספּאָזיציע
פון דער רעגירונג... גלייך ווערן אַרויסגעשיקט מיליטערישע
פּאַטרולן אין אַלע צייטונגס־רעדאַקציעס, וועלכע מוזן אין דער
לעצטער מינוט אָפּדרוקן פאָלגנדיקן קאָמוניקאַט:

,,נישט־ערלעכע און אַמביציעזע יחידים האָבן אונז מיט כח געצוואונגען אָפּצוגעבן געוויסע דערקלערונגען, וועלכע מיר מאַכן איצט מבטל. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און אַנדערע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס ווערן פאַנאַנדערגעלאָזט.

(—) פאָן קאַר, רעגירונגס־קאָמיסאַר''.

וועגן אָט די אַלע געשעענישן איז היטלער געוואויר געוואָרן, ווען ער איז געקומען אינעם לאָקאַל פון דער פאַרזאַמלונג, כדי מודיע צו זיין זיינע ,,פאַרבונדעטע'' וועגן נצחון. די ידיעה וועגן זייער אַנטלויפן האָט אים געטראָפן ווי אַ דונער. ער איז אָבער שנעל געקומען צו זיך. ס'איז געווען צו שפּעט זיך צוריקצוציען. מ'האָט געמוזט פירן דעם קאַמף ביזן סוף. אפשר וועט זיך די באַפעלקערונג שטעלן אויף זיין זייט, אפשר וועט לודענדאָרפס פּאָפּולאַריטעט מיטרייסן דאָס מיליטער...

דערווייל האָט דאָס רעגירונגס־מיליטער באַזעצט אַלע עפנטלעכע געביידעס, אַרויסטרייבנדיק פון דאָרטן די היטלעראָווצעס. אין דער פרי איז שוין די גאַנצע שטאָט צוריק געווען אין דער מאַכט פון פאָן קאַר. אַרום 12 בייטאָג האָט היטלער מאָביליזירט זיינע שטורם־אָפּטיילונגען. ס'זענען סך־הכל געקומען 600 מאַן, צו זיי האָט זיך פאַראייניקט אַן אָפּטיילונג פון נאָך 300 מאַן, וועלכע ס'האָט געבראַכט צופירן פון אַ דערבייאיק שטעטל היטלערס אַנהענגער, דער אַפּטייקער גרעגאָר שטראַסער. מיט דער דאָזיקער ,,ריזיקער אַרמיי'' מאַרשירט היטלער צום קריגס־מיניסטעריום, וואו ס'געפינען זיך איצט די דריי ,,פאַררעטער''. בראָש פונעם צוג מאַרשירט היט־

לער אין אַ מיליטערישן מונדיר און לודענדאָרף אין אַ שוואַרצן ציווילן אַנצוג. די געביידע פון מיניסטעריום איז אַרומגע־רינגלט מיט פּאָליציי. היטלער שטעלט זיך אַוועק פאַר די פּאָ־ליציאַנטן אין אַ טעאַטראַלישער פּאָזע און וואַרפט זיי אַ טראַ־גיקאָמישע פאָדערונג:

— גיט אייך אונטער!

די פּאָליציאַנטן ווערן אָבער ניט נתפּעל פאַר היטלערן און הייבן אָן צו שיסן. ס'ברעכט אויס אַ קעגנזייטיקע קאַנאָ־נאַדע. היטלערס מענטשן לייגן זיך אַנידער אויף דער ערד און ס'הייבט זיך אָן אַ רעגולערע שלאַכט. היטלער דערשיסט מיט זיין אייגענער האַנט אַ פּאָליצייאישן אָפיציר, ווערט אָבער אויך אַליין פאַרוואונדעט. פּלוצלינג באַווייזט זיך אויפן פּלאַץ אַ געפּאַנצערטער פּאָליציי־אויטאָ. צווישן די אויפשטענדיקע ברעכט אויס אַ ווילדע מהומה. אין אַ פּאַנישער שרעק הייבן זיי אָן צו אַנטלויפן, איבערלאָזנדיק דאָס געווער און באַדעקנ־דיק דעם גרויסן פּלאַץ מיט טויטע און פאַרוואונדעטע. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דער פּלאַץ פאַרן קריגס־מיניסטעריום אינגאַנצן ליידיק. היטלער זעצט זיך אַריין אין אַן אויטאָ און אַנטלויפט קוים מיטן לעבן.

די בלוטיקע אַוואַנטורע איז געענדיקט. זי האָט געגעבן אַ בלוטיקן שניט: 16 טויטע און העכער 100 פאַרוואונדעטע זענען געבליבן ליגן אויפן שלאַכט־פעלד.

היטלער האָט זיך דריי טעג אויסבאַהאַלטן אין אַ קליין שטעטל אויף דער בייעריש־עסטרייכישער גרענעץ. ווען זיין וואונד איז פאַרהיילט געוואָרן, האָט ער זיך געלאָזט צופוס צו דער גרענעץ. ס'איז געווען די טראַגישסטע שעה אין זיין לעבן. נאָך 11 יאָר האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון דייטשלאַנד, וועלכע ער האָט באַטראַכט אַלס זיין פאָטערלאַנד און פאַר וועלכן ער האָט פאַרגאָסן זיין בלוט. ווי אַ באַנקראָטירטער שפּילער האָט ער געמוזט אַנטלויפן קיין עסטרייך, וועלכע ער

האָט פיינט געהאַט און וואו ס'האָבן אים דערוואַרט נאָר פיינ־לעכע זכרונות.

אזוי האָט זיך געזאָלט ענדיקן די פערטע קאַריערע פונם לאַ־יצלחדיקן מאָלער, אַרכיטעקט און מיליטערמאַן, אַ קאַריע־רע, וועלכע האָט זיך אזוי שיין אָנגעהויבן און אזוי טרויעריק פאַרענדיקט... פול מיט מרה־שחורהדיקע געדאַנקען האָט ער זיך דערנענטערט צו דער עסטרייכישער גרענעץ, אזוי ווי מען דערנענטערט זיך צו דער תליה.

פלוצלינג איז געשען אַ נס: אַ דייטשער זשאַנדאַרם איז צו אים צוגעגאַנגען און אַוועקלייגנדיק די האַנט אויף זיין שולטער, אַ זאָג געטון:

— איר זענט היטלער... אין נאָמען פון געזעץ, אַרעסטיר איך אייך...

היטלער האָט מיט צופרידנקייט אַ שמייכל געטון: דאָס אַרעסטירן האָט אים געראַטעוועט זיין קאַריערע.

פינף יאָר פעסטונג

אָנהויב 1924 איז אין מינכן פאָרגעקומען דער פראָצעס איבער היטלערן און לודענדאָרפן. דער פראָצעס האָט געדוי־ערט קנאַפע צוויי חדשים און האָט היטלערן געמאַכט געוואַל־דיק פּאָפּולער אין גאַנץ דייטשלאַנד. היטלער האָט כסדר גע־האַלטן פאַרן געריכט פייערדיקע רעדעס, אין וועלכע ער האָט געשילדערט זיין לעבנס־וועג און דערקלערט, אַז דער ציל פון זיין לעבן איז אויסצוראָטן דעם מאַרקסיזם. אַלע צייטונגען און בפרט די רעכטע, האָבן טאָג־איין טאָג־אויס געווידמעט לאַנגע שפאַלטן דעם פראָצעס און ווען היטלער איז פאַרמשפּט געוואָרן צו פינף יאָר פעסטונג — האָבן די רעאַקציאָנערע צייטונגען פון אים געמאַכט שיער נישט אַ נאַציאָנאַלן מאַר־טירער און העלד. לודענדאָרף איז באַפרייט געוואָרן און היט־

לערן האָט מען גלייך אריבערגעפירט אין דער פעסטונג לאַנדס־בערג.

אין דער דאָזיקער פעסטונג איז היטלער געזעסן נישט מער ווי אַ יאָר, די רעשט שטראָף איז אים געשענקט געוואָרן. אָבער אפילו דאָס דאָזיקע קורצע זיצן איז געווען גענוג, כדי ארויסצורופן אין אים אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. ער האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז מער וועט ער קיינמאָל אין זיין לעבן נישט זיצן אין תפיסה. די דאָזיקע מורא איז ביי אים געווען אזוי שטאַרק, אַז באַלד נאָכן פאַרלאָזן די פעסטונג האָט ער ראַדיקאַל געענדערט זיין טאַקטיק און באַשלאָסן צו האַנדלען נאָר לעגאַל. ווייל מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז היטלער איז קיינמאָל נישט געווען קיין אידעאַליסט, וואָס איז מסוגל צו ליידן פאַר זיין אידייע און ברענגען פאַר איר קרבנות. ער איז נישט מער, ווי אַ געוויינלעכער קאַריעריסט.

— כ׳בין שוין אַלט פערציק יאָר, כ׳מוז שוין ענדלעך באַקומען די מאַכט! — האָט ער אַמאָל דערקלערט איינעם פון זיינע נאָענטע פריינט. מיטן דאָזיקן זאַץ האָט היטלער אַליין אַנטפּלעקט זיין אמתן נישטיקן מהות. וואָס מיר אידען, ווער מיר „הייליקער קאַמף‟! גאַנץ פשוט: כ׳בין שוין אַלט 40 יאָר, כ׳מוז שוין מאַכן אַ קאַריערע... קראָמוועל האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין עלטער פון 41 יאָר, ביסמאַרק — 46*). אָבער היטלער קאָן נישט וואַרטן, ווייל ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער האָט נישט אין זיך די אינערלעכע גרויסקייט פון אַ ביסמאַרק אָדער אַ קראָמוועל.

זינט 1925 האָט היטלער אָנגענומען אַ נייע טאַקטיק. ער האָט אָפּגעטיילט די שטורם־אָפּטיילונגען פון דער פאַרטיי און געמאַכט פון זיי אַ זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע. פון איצטיקן מאָמענט אָן וועט ער זיי באַנוצן אויסשליסלעך צום קאַמף

*) זע „גר.־ביבל.‟ נר. 17: „ביסמאַרק‟ און נר. 59: קראָמוועל, די רעוואָלוציע אין ענגלאַנד‟.

קעגן די אַרבעטער, אָבער חס וחלילה נישט קעגן דער רעגירונג. גלייכצייטיק האָט ער אָנגעהויבן צו פירן אַ געוואַלדיקע דעמאַגאָגישע אַגיטאַציע, האָפנדיק צו באַקומען שטימען ביי פאַרשידענע וואַלן. זיין איינפלוס הויבט אָן צו וואַקסן מיט אַ לעגענדאַרישער שנעלקייט. ביי די וואַלן באַקומט ער אַלץ מער און מער שטימען. ענדלעך איז ער אויפן ריכטיקן וועג. אָבער כדי צו פירן אַזאַ פאַרצווייגטע אַגיטאַציע, כדי צו קאָנען אויסהאַלטן און צאָלן פענסיעס צענדליקער טויזנטער „שטורמער", מוז מען דאָך האָבן ריזיקע קאַפּיטאַלן. דאָס „ברוינע הויז", וואו ס'געפינט זיך היטלערס הויפּט-קוואַרטיר, איז איינגעאָרדנט מיט פּראַכט און לוקסוס. אויסערדעם באַזיצט היטלער דריי אייגענע אויטאָס און לעבט ווי אַ פּריץ. געווער און אַמוניציע פאַר די שטורם-אָפּטיילונגען קאָסטן אָפּ מיליאָנען. אין אַלע שטעט און שטעטלעך געפינען זיך ריזיקע קאַזאַרמעס פאַר די שטורם-אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אַפילו אייגענע טאַנקס און עראָפּלאַנען. אויך די מיטינגען קאָסטן אָפּ אומגעהויערע סומעס. די איינגנטימער פון די זאַלן ווייסן גאַנץ גוט, אַז היטלערס פאַרזאַמלונגען גייען זעלטן אַדורך בשלום. היטלער מוז דעריבער ביים דינגען אַ זאַל פון פאַרויס לייגן אַ קויציע פאַר די צעבראָכענע מעבל און געשיר. ס'האָט נאָך כמעט נישט געטראָפן, אַז ער זאָל האָבן די געלעגנהייט צוריק צו פאָדערן די דאָזיקע קויציעס...

וואו זשע נעמט ער געלט אויף דעם אַלעם? ס'איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז דאָס געלט נעמט היטלער פון די... אייזערנע קאַסעס פון דייטשע באַנקירן, אינדוסטריעלער און פריצים. זיי האָבן אונטערשטיצט מיט געלט היטלערס באַוועגונג, זעענדיק אין איר דאָס בעסטע געווער קעגן דער רויטער געפאַר, פאַר וועלכער זיי האָבן אַזוי שטאַרק מורא. אַלס באַלוינונג פאַר זייער אונטערשטיצונג האָבן זיי אָבער פאַרלאַנגט פון היטלערן אַ גאַנצע ריי קאָנצעסיעס. אין די ערשטע צייטן פון זיין באַוועגונג, ווען זיין גאַנצע פּאַרטיי איז נאָך באַשטאַ-

נען פון זיבן מיטגלידער, האָט היטלער אָנגענומען אַ געוואַל־דיק ראַדיקאַלן פּראָגראַם, מיט וועלכן ער האָט געהאָפט צו געווינען די אַרבעטער. אינם ראַזיקן פּראָגראַם האָט ער צוגע־זאָגט די אַרבעטער, אַז ער וועט קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט קעגן די קאַפּיטאַליסטן און פּאַרלאַנגט צו קאָנפיסקירן די מעכטיקע טרעסטן און קאַרטעלן, ווי אויך צונעמען ביי די פריצים די ערד. איצט האָבן אַלזאָ די געלט־געבער געפאָדערט פון היטלערן, אַז ער זאָל זיך עפנטלעך אָפּזאָגן פון די דאָזיקע געפערלעכע פּונקטן. היטלער האָט זיי צוליב געטון און אין 1928 אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז ער האַלט זיך טאַקע ביי די דאָזיקע פּונקטן, אָבער געמיינט האָט ער דערמיט בלויז... די יידישע פאַבריקאַנטן און ערד־באַזיצער, אָבער חס־וחלילה נישט „די שעפער פון אונזער אינדוסטרי, ווי קרופּ, סימענס א. אַנד.״.

דאָ האָט ער אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרביטערטן ווי־דערשטאַנד מצד זיינע אייגענע מיטגלידער און ס׳איז שיער נישט אויסגעבראָכן אַן אָפענער בונט. היטלערן איז דורך זיין דעמאַגאָגיע געלונגען אַריינצוציען אין דער פּאַרטיי אויך אַ געוויסע צאָל אַרבעטער, וועלכע האָבן באמת געגלויבט אין זיין אויפריכטיקייט און ערלעכקייט. ווען די היטלעריסטישע אַרבעטער האָבן זיך דערוואוסט, אַז זייער פירער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די אַלע „סאָציאַליסטישע״ פּונקטן, זענען זיי געוואָרן זייער אויפגעבראַכט. נאָך אין יאָר 1925, ווען היטלער איז אַרויס פון דער פעסטונג און אָנגעהויבן זיין מעסיקן קורס, איז אין דער פּאַרטיי אויסגעבראָכן אַ מרידה. די אָפּאָזיציאָ־ניסטן האָבן גערופן אַ צוזאַמענפאָר אין האַנאָווער, אויף וועל־כען מ׳איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן היטלערן, און זיין שליח האָט מען בכלל נישט צוגעלאָזט צום וואָרט. די פירער פון דער אָפּאָזיציע זענען דאַן געווען גרעגאָר שטראַסער, דער זעלבער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין מינכענער פּוטש, ווי אויך זיין סעקרעטאַר, אַ געוויסער ד״ר יאָזעף געבעלס. דער צוזאַמענ־

פאַר האָט אָנגענומען שאַרפע רעזאָלוציעס קעגן די קאַפּיטאַליסטן און קעגן היטלערס לעגאַליסטישער ריכטונג. מיט די דאָזיקע באַשלוסן איז די אָפּאָזיציע געקומען צום פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אין בייערישן שטעטל באַמבערג.

אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט היטלער מאָביליזירט אַלע זיינע כחות, כדי צו באַקעמפן די אָפּאָזיציע. ער האָט אויך אונטערגעקויפט געבעלסן, געבנדיק אים פאַר זיין פאַרראַט אַ העכסט־וויכטיקן פּאָסטן אין דער פּאַרטיי. ער האָט אים באַשטימט אַלס פירער פון דער בערלינער אָרגאַניזאַציע און דאָס האָט געבעלסן געעפנט אַ וועג צו אַ גרויסער קאַריערע. געבעלס איז אויפן צוזאַמענפאָר ארויסגעטרעטן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט קעגן שטראַסערן, אָנרופנדיק אים „באָלשעוויק" און „יידישער משרת". שטראַסער האָט פון זיין זייט אויסגעלאַכט געבעלסן, וועלכער איז אַ בעל־מום, און אים אָנגערופן „לאָמער דאָקטאָר".

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך דאַמאָלס געענדיקט מיט היטלערס נצחון און די אָפּאָזיציע האָט געמוזט בויגן דעם קאָפּ. איצט אָבער, ווען היטלער האָט זיך עפנטלעך אָפּגעזאָגט פון זיין פּראָגראַם, האָט דער קאַמף ווידער אויפגעפלאַקערט. דאָס מאָל האָט זיך בראש פון די אומצופרידענע געשטעלט אָטאָ שטראַסער, גרעגאָרס אַ ברודער, איינער פון די פעסטסטע און פּאָפּולערסטע פערזענלעכקייטן אין דער היטלער־באַוועגונג. שטראַסער האָט פאַרלאַנגט פון היטלערן, אַז ער זאָל צוריקציען זיין דערקלערונג. היטלער האָט געשוויגן. דאַן האָט אים שטראַסער אויפגעפאָדערט, אַז ער וויל זיך מיט אים טרעפן און אויפקלערן דעם ענין. במשך פון צוויי יאָר האָט זיך היטלער מיט פאַרשידענע תירוצים ארויסגעדרייט פון דאָזיקן געשפּרעך. ענדלעך איז דער געשפּרעך צושטאַנד געקומען אין מאַי 1930. ער האָט געדויערט גאַנצע זיבן שעה און האָט געהאַט אַ העכסט דראַמאַטישן פאַרלויף. לסוף האָט

שטראַסער פֿאַרגעוואָרפֿן היטלערן, אַז ער האָט פֿאַרראַטן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אידעאַלן און איז געוואָרן אַ געווינלעכער פֿאַשיסט און משרת פֿון די קאַפּיטאַליסטן. נאָכן דאָזיקן געשפּרעך איז שטראַסער אַרויסגעטרעטן פֿון היטלערס פּאַרטיי און צוזאַמען מיט אַ פּאָר טויזנט אַלטע מיטגלידער פֿון דער באַוועגונג געגרינדעט אַ נייע אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „רעוואָלוציאָנערע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן".

פֿינף יאָר האָט היטלער געזאָלט זיצן אין דער פֿעסטונג. ווען ער וואָלט באמת געמוזט אָפּקומען די גאַנצע שטראָף, וואָלט ער אַרויס ערשט אין יאָר 1929. ער וואָלט ווידער געמוזט אָנהייבן זיין גאַנצע אַרבעט פֿונדאַסניי און וואָלט קיינמאָל נישט דערגרייכט צו אַזאַ קאַריערע, ווי איצט. נאָך ערגער וואָלט ער אויסגעזען, ווען מ'וואָלט אים נישט אַרעסטירט ביי דער גרענעץ, ווען ער האָט געוואָלט אַנטלויפֿן קיין עסטרייך. מ'וואָלט אָן אים שנעל פֿאַרגעסן און ער וואָלט צוריק געוואָרן אַ פּאַרטייטערמער לאָ־יוצלח אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן. ער האָט אָבער געהאַט מזל. און אינם זעלבן 1929 יאָר, ווען ער האָט אייגנטלעך געדאַרפֿט אַרויסגיין פֿון דער פֿעסטונג, איז ער שוין געווען דער פֿירער פֿון אַ מעכטיקער פּאַרטיי, וואָס איז געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער און גרעסער.

עס זענען אָנגעקומען וואַלן און היטלערס פּאַרטיי, וואָס האָט ביז איצט געהאַט 12 דעפּוטאַטן, איז מיטאַמאָל געוואָרן איינע פֿון די גרעסטע פּאַרטייען אין דייטשלאַנד און באַקומען 107 מאַנדאַטן אין פּאַרלאַמענט. די פּאַרטיי האָט זיך שטורמיש אַנטוויקלט. מיליאָנען נייע אָנהענגער זענען געקומען אונטער היטלערס פֿענער און אין 1932 האָט ער באַקומען העכער 13 מיליאָן שטימען און 230 מאַנדאַטן. און איצט איז ער דער פֿירער פֿון דער גרעסטער דייטשער פּאַרטיי.

*

וואָס וועט זיין זיין ווייטערדיקער גורל?

צי וועט ער ווערן דייטשלאַנדס דיקטאַטאָר, דער אומבאַגרענעצטער הערשער איבער אַ זעכציק מיליאָניק פאָלק?

אָדער וועט אויך זיין פערטע קאַריערע, די קאַריערע פון אַ פּאָליטיקער, זיך ענדיקן אַזוי ווי עס האָבן זיך געענדיקט זיינע פריערדיקע קאַריערעס? צי וועט ער דאַסמאָל דערגרייכן זיין לעבנס־ציל אָדער אויך דאַסמאָל וועט ער האָבן אַ טרויעריקן דורכפאַל?

קיינער קען דאָס נישט וויסן. היטלערס צוקונפט איז איינגעהילט אין אַ שלייער פון היסטאָרישער געהיימניש.

פראָפ. ט. וועלד

„ליבע און הייראַט“

דאָס איז אַן אמת ווּיסנשאַפטלעך בוך וועגן סעקסועלע פראַגן. גרויסע געלערנטע ווי גראַף הערמאַן קייזערלינג, פּראָפ. פרענקעל א. אַנ. האָבן זיך וועגן דעם בוך אַרויסגעזאָגט מיט גרויס אַנערקענונג. אין דייטש — האָט דאָס בוך אויסגעהאַלטן אין אַ קורצער צייט 42 אויפלאַגעס.

אויגוסט פאָרעל, דער מחבר פון וועלט באַרימטן בוך: „די סעקסועלע פראַגע“ קריטיקירט זייער שאַרף די יוגנט פאַר איר בלינדקייט און עם-הערצות אין סעקסועלע פראַגן, דאָס איז לויט זיין מיינונג אין פיל פאַלן גורם צו אַן אומגליקלעך צוזאַמענלעבן. דאָס בוך פון פראָפ. וועלד העלפט פיל מיט אויפצוקלערן און באַלייכטן דעם לאַבירינט פון די אָנגעווייטיקטע סעקסועלע פראַגן.

פרייז 95 גראָשן.

Warszawa, skrz. poczt. 178, :בעשטעלונגען

P.K.O. 25.449. :געלט

צי האָט איר שוין געלייענט?

ביכער פון די בעסטע וועלט-שרייבער

צו ביליקע פרייזן

מאַקסים גאָרקי — אַן אומגליקלעכע ליבע

עדגאַר אַלאַן פאָ — צווישן לעבן און טויט

ג. ניקאנדראוו — דער וועג צו דער פרוי

ראָמאַן פון סעקסועלען לעבן אין ראַטן-פאַרבאַנד. 2 טיילן

אירמא בואיע: לואיזע מ״שעל (די רויטע יונג-פרוי)

יעדעס בוך אַנטהאַלט 128 זייטן און קאָסט נאָר

95 גראָשן

צו באַקומען ביי אַלע צייטונגס-פּ רשפרייטער

ווי אויך אין פאַרלאַג „גראָשן-ביבליאָטעק".

אַלע 5 ביכער (דירעקט פון פאַרלאַג)

מיט פּאָרטאָ — 4.50

ביז איצט דערשינענע ביכלעך פון דער „גראָשן־ביבליאָטעק“

1. ראבערט סמיט: מאטא־הארי — טענצערין־שפיאן.
2. א. קעלמאן: אמעריקאנער מיליאנערן.
3. מ. הארטמאן: צווישן טראן און ליבע. (טראגעדיע פון דע־ האבס־ בורגער דינאסטיע).
4. ס. האפקינס: געניאלע סיפיליטיקער.
5. פ. וועטשעלי: מאנאלעסקו, דער קעניג פון די גנבים.
6. ג. סלאנימסקי: ג. גאפאן, גלח־פראוואקאטאר.
7. מ. גרעגאריוס: לוקרעציא בארדזשיא.
8. י. קאגאן: גראף פאטאצקי, דער גר־צדק.
9. ראבערט סמיט: אלפרעד רעדל, דער עסטרייכישער אזעף.
10. פריטאף לארסאן: אין די נעגל פון ווייסן טויט. (נאבילעס עקספע־ דיציע צום צפון־פאל).
11. ק. מאשקאוויטש: דאנטאן. דער גאון פון דער פראנצ. רעוואלוציע.
12. מ. הארטמאן: לעדי האמילטאן.
13. ב. גבריאלי: שאול וואהל, דער ייד. קעניג פון פוילן.
14. ש. בערגמאן: לעוו טראצקי, די טראגעדיע פון א רעוואלוציאנער.
15. ח. פריידבערג: דער טרוימער פון אקעאנען (קריסטאף קאלומבוס).
16. קאגאן: אסתר׳קע, די פוילישע אסתר־המלכה.
17. מ. קאראלין: דער קייזער פון א רעפובליק (יוליוס צעזאר).
18. ב. סערלין: די העטערע אויפן טראן (יעקאטערינע II).
19. פ. זילבערמאן: שבתי צבי, דער פאלשער משיח.
20. אלעקסאנדער סיעראוו: ווי אזוי האט מען דערהרגעט אלעקסאנ־ דער דעם צווייטן?
21. סט. מייזנער: דער כשוף־מאכער פון אונזער צייט (טאמאס עדיסאן.
22. ג. סלאנימסקי: דער בונט אויף דער פאנצער־שיף „פאטיאמקין“
23. ק. מאשקאוויטש: דער נביא פון מעקא (מאכמעד).
24. י. קאגאן: יעקב פראנק.
25. מ. הארטמאן: פון טראן אויף דער תליה (מאריא סטיוארט).

26. מ. קאנטאר: סערגיי מיאסאיעדאוו (פאררעטער צי קרבן?)

27 ש. בערגמאן: יעווגא אזעף — דער רעוואלוציאנער.

28. ש. בערגמאן: אזעף ראסקין — דער פראוואקאטאר.

29. מ. הארטמאן: מאנאן לעסקא.

30. קאראלין: נאפאלעאן באנאפארט.

31 א. סיעראוו: ציוואן דער גרויזאמער.

32. י. קיאן: דוד הראובני (דער יידישער פירשט).

33. ק. מאשקאוויטש: ווי אזוי מ'האט אוויסגעגנבעט די 10 ארעס. פון וויאט.

34. י. ק. סימכאוויטש: די טראגעדיע דרייפוס.

35. י. ק. סימכאוויטש: דער מערטירער פון טייוולס-אינזל.

36. ש. בערגמאן: אטענטאט אויף סטאליפינען.

37. ד. קאפעלמאן: אלבערט איינשטיין.

38 א. קעלמאן: דער אטענטאט אין סאראיעווא.

39. ג. סלאָמינסקי: פּיאָטר קאָרפּאָטקין (פּירשט-רעוואָלוציאָנער).

40. ק. מאשהאוויטש: לענין (ערשטער טייל).

41. ק. מאשקאוויטש: לענין (צווייטער טייל).

42. ק. שימכאוויטש: דער אנפאל ביי ראגאוו.

43. מ. הארטמאן: סארא בערנאר.

44. ש. בערגמאן: ברוך שפינאזא (דער געניאלער אפיקורס).

45. מ. גרעגאריוס: דזשוזעפע גאריבאלדי.

46. ק. מאשקאוויטש: טארקוועמאדא.

47. ק. מאשקאוויטש: ספארטאקוס.

48. ב. סאווינקאוו: ווי אזוי מיר האבן דערהרגעט פלעווען?

49. י. ק. סימכאוויטש: גריגארי גערשוני.

50. ד. קאפעלמאן: פראנציסקא פערער.

51. נ. סלאנימסקי: הירש לעקערט.

52. מ. קאראלין: יאסיף דזשוגאשווילי (סטאלין)

53. ק.ק. מאשקאוויטש: דער בלוטיקער מיטוואך.

54. מ. גילדשטיין: אלפאנס XIII.

55. א. ווינשטיין: י. מ. קאפלינסקי.

56. י. מ. קאפלינסקי: דער ווידוי פון א פראוואקאטאר.

57. ד. קאפעלמאן: קייזער נעראן.